STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06051

PRELUDYES FUN KAMF

Francisco de Pi y Arsuaga

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיין שפּאַניש־לאַטיין־אַמעריקאַנישע ביבליאָטעק — נומער 1

פראַנסיסקאָ פּי אי אַרסואַגאַ

פּרעלודיעס פון קאַמף

(באַלאַדעס)

איבערגעזעצט און ארויסגעגעבן

פ ו ן

י. אַקסענצאָוו

בוענאָס איירעס — 1928

איבערדרוקן פארבאטן.

שער־בלאט פון מ י ש ע ש ו א ר ץ.

P. Pí y Arsuaga — PRELUDIOS DE LA LUCHA

Traducción directa del castellano al idish
por J. AXENTZOFF.

Editado por el traductor

דרוקעריי און לינאטיפיע פון קראסילאווסקי און פערצאווסקי, וואלענטין גאמעז [illegible]

פּרעלודיעס פון קאַמף

אינהאַלט:

מיין שפּאַניש־לאַטיין־אַמעריקאַנישע ביבליאָטעק — 7
די האָרן — 9
די קראָ — 13
דער אָפּגרונט — 17
אָף דער עלטער — 25
דאָס פאָלק — 29
דער רינג — 33
„ווירטוס פּאָסט נוממום“ — 37
וואוילטאָט — 43
די זונה — 37
דיסציפּלין — 51
דער זעלבסטמערדער — 55
די געוואַלט און די מאַכט — 59
די צוואה — 61
טאַלאַנט — 65
די אומגעזועצלעכע — 69
דאָס געשלעג — 73
אָף שפּאַציר — 83
א טוגנט? — 83
פּריצים, דאָקטוירים און דאָרפסלייט — 85

מיין שפּאַניש־לאַטיין־אַמעריקאַנישע ביבליאָטעק

מיט „פּרעלודיעס פון קאַמף — דידאַ־זיקע אייגנאַרטיקע שאַפונג פון דעם שפּאַנישן ראַדיקאַלן דיינ־קער און שריפטשטעלער פ. פּי אי אַרסואַגאַ, הויב איך אָן פאַרווירקלעכן אַ ברייטערן פּלאַן: איבערזעצן און אַרויסגעבן אין קליינע ביכלעך פון פינף־זעקס בויגן — כדי צו קאָנען פאַרקויפן אַף צוטריטלעכע פּרייזן — די בעסטע און אייגנ־אַרטיקסטע ווערק פון לאַטייניש־אַמעריקאַנישע און שפּאַנישע שריפטשטעלער.

פאַר די ווייטערדיקע אויסגאַבן פון „מיין שפּאַניש־לאַ־טיין־אַמעריקאַנישע ביבליאָטעק“ זיינען שוין גרייט קליינע זאַמלונגען געקליבענע דערציילונגען פון ראַפאַעל באַררעט, האָראַסיאָ קיראָגאַ, אַמאַדאָ נערוואָ און כאָסע ס. אַלוואַרעז (פריי מאָטשאָ).

י. אַקסענצאָוו

די האַרן

פאַרוואָס שאַרפט איר דאָס מעסער, וואָס וועט אייך דער־שטעכן? פאַרוואָס גרייט איר דעם פּולווער, וואָס וועט אייך פאַר־ניכטן?

אייך, וואָס איר לאַדערט — דאָס רייכטום און גליק; מיר, וואָס איך אַרבעט — אוי! — דחקות און פּיין, — האָט דער אַרבעטער געמורמלט זיין ליד.

א קאַפּיטאַליסט, א גלח און א גענעראַל זיינען צוגעקומען צו א פעלד.

מענטשן און חיות, אַלע אינאיינעם, האָבן דאָרט געאַרבעט.

דאָרט האָבן עטלעכע אַרבעטער נאָכן אַקער געשלעפּט זיך; דאָ האָבן אַנדערע די צייטיקע זאַנגען געשניטן; אַנדערע האָבן דאָס שטרוי אָפּגעזונדערט, און אַנדערע ווידער האָבן די תבואות אויף לאַסט־פערד פאַרלאָדן. ס'האָבן אַלע געשוויצט, פון דער זון פאַר־קוילטע, פון מידקייט דערשעפּטע.

— ווי שיין איז דער ווייץ! — האָט, אָננעמענדיק א זשמעניע, דער גלח געזאָגט. — פאַר וועמען וועט עס זיין דערדאַזיקער ווייץ? פאַר וועמען ט'זיין דאָס ברויט, דאָס ווייסע, וואָס פון זיין מעל וועט מען באַקן?

— אוי! פאַר אייך, — האָט דער אַרבעטער געמורמלט זיין ליד.

* * *

דער גלח, דער קאפּיטאַליסט און דער גענעראַל זיינען ווייטער אוועק זייער וועג. נאָענט פון שטאָט, האבן זיי דערזען עטלעכע אר־בעטער, וואס זיינען אין א ווינקעלער ארונטער. זיינען זיי נאָכגע־גאַנגען. אין קעלטער האבן האלב־נאַקעטע מענטשן די טרויבן גע־טראָטן, טאַנצנדיק ווי בייזע טייוואָלים. זייערע שוויים־טראָפּנס האבן זיך מיט דעם געשמאַקן זאפט פון די ווינפלאַנצן געמישט. מידע און טרויעריקע האבן זיי געטאַנצט און געטאַנצט.

— פאר וועמען — האט ווידער דער גלח געפרעגט — איז דער קוויקנדיקער זאפט, וואָס עס פּרעסן ארויס אָט די עלנטע ברוי־אים?

— אוי, פאר אייך, — האט דער ארבעטער געמורמלט זיין ליד.

* * *

דער גלח, דער קאַפּיטאַליסט און דער גענעראַל זיינען צו די טויערן פון שטאָט אָנגעקומען. ניט ווייט פון זיי האט א הויכער מויער געשטאַרצט. זיינען זיי אריין. דאָס איז געווען א גרוי־סע פאבריק, וואס פון אלצדינג האט מען דארט געמאכט. פון פינף אינדערפרי ביז אכט באַנאַכט האבן געארבעט דארט פאר א ניש־טיקן לוין טויזנטער מענטשן פוןביידע געשלעכטער.

ס'איז געווען שוין פארנאַכט, און מיד זיינען זיי אלע געווען; נאר אלץ נאָך, האבן איינע, פּרעכטיקע שטיקערייען געהאַפטן; די אנדערע, האבן זויבערן גאלד געשליפן; די דריטע, האבן גע־שמעלצט קרישטאל אין רערן געפורמט; שטיינער געהאקט האבן אנדערע דארט, און דאָ, אנדערע ווידער, האבן שניצערייען גע־קינסטלט... פון אלץ, וואָס באַקוועמלעכקייט און לוקסוס קאָנען

באגערן, האט מען דארט פארגרייט.

— פאר וועמען איז — האט אויסגערופען דער קאפיטאַליסט, — אזויפיל עשירות?

— אוי! פאר אייך, — האט דער ארבעטער געמורמלט זיין ליד.

* * *

דער גלח, דער קאפיטאליסט און דער גענעראַל זיינען ווייטער געגאַנגען זייער וועג. נאָר איידער זיי זיינען אין שטאָט אריינגעקומען, האבן זיי ווידעראמאָל זיך אָפּגעשטעלט.

זיי זיינען אריין אין א פּרעכטיקער וואפן־פאבריק.

די טאָג־לוינערס האבן געארבעט און געארבעט. א טייל האבן דעם צושמעלצטן בראָנדז פאר קאנאָנען מיט שופלס געשארט; א טייל האבן די בלאַנקע קלינגען פון די שווערדן פּולירט; אנדערע האבן דעם שפּיץ פון די שפּיזן געשארפט; אנדערע, ווידער, האבן שטאָפּן געמישט — דעם פלאַמענדיקן פּולווער געגרייט.

— שיינע שפּיזן, — האט דער גענעראַל געזאָגט, באטראכטנדיק איינעם; — גלענצנדיקער פולווער, — האט ער צוגעגעבן, אָננעמענדיק א הויפן. — וועמען וועלן עס אָט די שפּיזן דערשטעכן? און דאָס פולווער, צושמעטערן וועט וועמען?

— אוי! מיך אליין, — האט דער ארבעטער געמורמלט זיין ליד.

די קראָ

האט אינמיטן פליען זיך פארהאלטן די קראָ, און געטאָן א זאָג, דערזעענדיק אפן פעלד א מענטש, וואס האט דארט געארבעט:

— זעט, ווי כואן באארבעט זיין ערד!

— כ'בין נישט כואן, האָט זיך אָנגערופן דער מענטש, אופ־הויבנדיק דעם קאָפּ: — איך בין כואנס א זון, וואָס ארבעט אף צו לעבן אין דחקות און אויסצאָלן דעם פּריץ צום צווייטן מאָל שוין דעם באטרעף פון זיין ערד.

די קראָ האט זיך ווידער געלאזט פליען, און אביסל ווייטער האט זי אן אדלמאן, אף א פערד רייטנדיק, אָנגעטראָפן.

— גאָט העלף, דאָן כיל, — האט זי א זאָג געטאָן צו אים.

— כ'בין נישט דאָן כיל, — האט דער אדלמאן געענטפערט; — איך בין דער זון דאָן כילס, וואס קומט איינמאָנען בא כואנס זון דעם באטרעף פון זיין לאנד צום צווייטן מאָל.

* * *

ס'איז אוועק א סאך צייט.

די קראָ האט פארהאלטן איר פלי, און א זאָג געטאָן, דער־זעענדיק א מענטשן, וואס האט זיך באגאָסן מיט שווייס אף זיין פעלד:

— זעט ווי כואנס זון באארבעט זיין ערד!

— כ'בין נישט דער זון כואנס, — האט דער מענטש געענט־

פערט, אָפּווישנדיק דעם שוויים פונם פּנים, — נאָר איינער פון די אייניקלעך זיינע, וואָס ארבעט אויף צו לעבן אין דחקות און אָפּצאָלן דעם פּריז צום פערטן מאָל דעם באַטרעף פון זיין ערד.

איז די קראָ ווייטער געפלויגן, און אביסל שפּעטער, האָט זי באַגעגנט אַן אדלמאַן, אויף א פערד רייטנדיק.

— גאָט העלף, זון פון דאָן כיל, — האָט זי א זאָג געטאָן צו אים.

— כ'בין נישט דער זון פון דאָן כיל, — האָט דער אדלמאַן געענטפערט, — נאָר ס'אייניקל זיינס, וואָס קומט איינמאָנען בא כּוואַנס אייניקל דעם באַטרעף פון זיין לאַנד צום פערטן מאָל.

* * *

ס'איז אוועק א סאַך צייט.

די קראָ האָט פאַרהאַלטן איר פלי, און א זאָג געטאָן, דערזעענדיק א מענטשן, וואָס האָט געפּראַצעוועט אויף דער נחלה:

— זעט נאָר — כּוואַנס אייניקל, ווי ער ארבעט זיין ערד!

— כ'בין נישט קיין אייניקל כּוואַנס, — האָט דער מענטש פאַרריכט, — נאָר איינער פון אוראייניקלעך זיינע, וואָס ארבעט אויף צו לעבן אין דחקות און איינצאָלן צום זעקסטן מאָל דעם פּריז דעם באַטרעף פון זיין ערד.

ווייטער איז געפלויגן די קראָ, און אביסל שפּעטער האָט זי אַן אדלמאַן, רייטנדיק אויף א פערד געטראָפן.

— גאָט העלף, אייניקל פון דאָן כיל, — האָט זי א זאָג געטאָן צו אים.

— כ'בין נישט קיין אייניקל דאָן כילס, — האָט דער אדלמאַן געענטפערט, — נאָר אַן אוראייניקל זיינס, וואָס קומט איינמאָנען בא כּוואַנס אוראייניקל דעם באַטרעף פון זיין לאַנד צום זעקסטן מאָל.

* * *

ס׳איז אוועק נאָך א יאָרהונדערט.

די קראָ האָט פאַרהאַלטן איר פליען, און געטאָן א זאָג, דער־זעענדיק א מאַן, וואָס איז געשטאַנען און געוויינט איבער זיין צו־בראָכענעם גראָבאייזן נעבן זיין נחלה:

— פאַרוואָס וויינט עס כוואַנס אוראייניקל?

— כ׳בין נישט קיין אוראייניקל כוואַנס, — האָט זיך אָנגע־רופן דער מענטש; — איך בין כוואַנס אוראייניקלס אַן אוראייניקל, און דער פּריץ האָט מיך אַראָפּגעוואָרפן פון דער נחלה, וועלכע ס׳האָבן נאָך מיינע אבות באַאַרבעט, מחמת כ׳האָב נישט געקאָנט אים איינצאָלן צום הונדערסטן מאָל דעם באַטרעף פון זיין ערד.

האָט זיך ווייטער געלאָזט פליען די קראָ, און א ווײַלע שפּע־טער האָט זי אַן אַדלמאַן, רייטנדיק אויף א פערד, בעגעגנט.

— וואוהין אײַלט זיך דאָס אזוי דאָן כילס אוראייניקל? — האָט זי א זאָג געטאָן צו אים.

—כ׳בין נישט קיין אוראייניקל דאָן כילס, — האָט דער אַדל־מאַן געענטפערט: — איך בין דאָן כילס אוראייניקלס אַן אוראיי־ניקל, וואָס קומט דאָ אויסזוכן אַן אַנדער כואַן, אַז ער און זיינע גאָבקומענדיקע זאָלן ווידער צאָלן מיר און מייניקע נייע הונדערט מאָל דעם באַטרעף פון דער ערד פון מיינע אבות.

די קראָ איז אוועקגעפלוינגן ווייטער, און קראַקענדיק, געטאָן זיך א זאָג:

— איך בין גליקלעכער פון די כוואַנס, ווייל איך קאָן מיך אָפּ־שטעלן פריי אויף דער צווייג, וואָס מיר איז ליב. איך בין פיינער פון די כילס, ווייל איך רייס נישט ארויס די אויגן בא די מענטשן, ביז זיי זיינען נישט טויט.

דער אַפּגרונט

וואונדערשיין איז דער פּאַלאַץ, צווישן גערטנער און סעדער!
מיט וועלכע פיינע פּירות עס זיינען באַלאָדן די בוימער! וואסערע
צאַרטע בלומען עס באַצירן דאס פעלד און פאַרפיומירן די לופט!
דערציייל מיר, דו הערשער, די געשיכטע פון אזויפיל וואונדער.

* * *

ווען מיר האבן געהאט צעטיילט זיך מיט דער וועלט, איז
געבליבן אומבאזעצט, ווייל מ'האָט נישט געקאָנט אהין צוקומען,
נישט מער ווי איין אַפּגרונט, זייער א טיפער.

א שטיין, אז מ'האט אין אים געווארפן, האט גאנצע צוויי יאר
געזאמט, ביז ער איז אפן גרונט געקומען.

די שטיפערישע ציג, וואס איז דארט ארונטערגעפאלן, האט
איר פלייש און די ביינער צעמאָלן אן די פעלדזן־שפּיצן פון די הויכע
ווענט.

ווער עס האט זיך נאָר באם אפּגרונט געשטעלט, האט אים
פאר די אויגן גענומען שווינדלען און ער האט געמוזט ארונטער־
פאלן.

* * *

ווי פונם הימל אראפּ, איז נאָך איין מענטש אף דער ערד גע־
קומען.

— איך וויל לעבן — האט זיך געזאגט דער שוטה.

און ער איז אריין אין שטאָט און זיך גענומען מאַכן באַ־קוועם אין דער ערשטער שטוב, וואס ער האט אָנגעטראָפן.

האט מען אים פון איר ארויסגעטריבן, ווייל די שטוב האט א באלעבאס געהאט און ער, נישט ער האט געקאנט, נישט ער האט געוואָלט דירה־געלט צאָלן.

— כ׳וויל לעבן — האָט אלץ געטאַינעט דער משוגענער. און ער האט זיך געלאָזט גיין פון שטוב צו שטוב, איבער אלע הייזער, נאָר מען האט אים פון אומעטום פארטריבן.

— כ׳וויל לעבן. — און ער האָט זיך גענומען אליין אופשטעלן א הייזקע פון שטיינער, וואס ער האט פון די בערג אף זיינע פליי־צעס געבראַכט, און פון קלעצער, וואס ער האט צונויפגעשלעפט פון וואלד. נאָר אזוי ווי דער בארג האט זיין באזיצער געהאט, און דער וואלד איז געווען דעם קיניגס, און דאָס פלאַץ, וואו ער האט זיך גענומען בויען, האט צום שטאָט־ראט געהערט — האט מען בא אים די שטיינער און קלעצער אפגענומען און אים אליין פון שטאָט ארויסגעטריבן.

— כ׳וויל לעבן, — האָט דער אומגליקליכער אלץ געטאַינעט, און שפּאַנענדיק איבער וועגן און פעלדער, נישט געפינענדיק אין ערגעץ קיין מקום־מנוחה, ווייל אלץ איז שוין געווען אוועקגעגעבן, האט ער די גאנצע וועלט דורכגעקרייצט.

* * *

נערירט פון זיין מאָדנער משוגעת, האט א פרוי אים פאַר־האלטן אונטערן שאָטן פון א בוים און האט אים געלאָזט די ליבע דערקענען.

דאס איז געווען די ערשטע טרייסט, וואס אָט דער מענטש האט באַקומען אין זיין לעבן.

אין א טאָג, האט זיך אָנגערופן די פרוי:

—אויב דו ליבסט מיך, זאָלסטו מיך פאָלגן. — הער אויס: אייניקע ווערן געבוירן רייך און אַנדערע, ארעם. ארעמע דארפן דינען צו די רייכע. אויב דו ווילסט, אז מיר זאָלן זיין גליקלעך, לאָמיר גיין אָנבאָטן אונדזערע הענט און אונדזערע קרעפטן צו דעם באזיצער פון יענעם פּאַלאַץ, וואָס דו זעסט דאָרט פונדערווייטנס, ער וועט אונדז אַלע טאָג געבן עסן און וועט אונדז לאזן וואוינען אונטער א דאַך.

העכסט דערשטוינט, האט דער ווילדער מענטש געענטפערט:

— מיינע זיינען מיינע הענט און מיינע, מיינע קרעפטן. דער באזיצער פון יענעם פּאַלאַץ האט זיי מיר נישט געגעבן. מיט די הענט און די קרעפטן מיינע קאָן איך מיר איינשאַפן אַלץ פונקט אזוי ווי ער. קוק אָן אָט דעם פויגל, וואס פליט; זע אָט די אינד, וואס לויפט: זיי ווילן לעבן — און זיי לעבן! פארוואס זאָלן מיר אויך דאָס אייגענע נישט קאָנען דערגרייכן. ביז איצט איז אונדז נישט געלונגען צו שטעלן א פוס אַף לאַנד, וואס זאָל צו אימיצן נישט געהערן. ווער האָט עס אונדז געקאָנט פארמישפּעטן נאָך איידער מיר זיינען אַף דער וועלט געקומען, אז מיר זאָלן קיינמאָל אין ערגעץ קיין מקום־מנוחה נישט געפינען? וואו איז דאס פיצל ערד, וואָס דאַרף אונדז אופהאַלטן? פארוואָס זיינען מיר ווינציקער ווי די אינד, וואס לויפט און דער פויגל, וואס פליט? די וואָס זאָגן אונדז, אז אַלץ איז זייערס, זיינען מיינע שונאים, קעגן וועמען איך האָב מיך מיט קיין אַנדער זאַך נישט פארזינדיקט, ווי מיט דעם, וואס איך בין אַף דער וועלט געקומען. אַ! דו האסט מיך באַשווינדלט, האָסט מיר דיין ליבע געשיינקט, כדי מיך צו פארשקלאַפן, מיין שונא ביסטו, צוזאמען מיט זיי.

און אריינפאלנדיק אין גרימצאָרן, האט דער ווילדער מענטש געטויט די עלנטע פרוי.

* * *

נאָר שפּעטער, קומענדיק צו זיך, האָט ער אָנגעהויבן וויינען איבערן טויטן קערפּער פון זיין פריינטן.

— אָרעמע געליבטע מיינע! — האָט ער געזעצט, באַגיסנדיק זי מיט ביטערע טרערן.— דו האָסט נישט געזוכט מיך צו באַשווינדלען. דו האָסט מיר נאָר איבערגעגעבן דעם שווינדל, דורך וועלכן מענטשלעכע רשעות האט דיך פאר אַ קרבן געמאכט. מיט דיר צו־זאמען וויל איך שטאַרבן, וויינענדיק אויף דיין קבר. כ'וועל אויסזוכן אַ שיינעם פּלאַץ באַם ראַנד פון אַ וועג, און דאָרט וועל איך פאר דיר אַ קבר אויסגראָבן. די מענטשן, וואס זיינען זיכער מער מיט־לײדיק צו די טויטע, ווי צו די לעבעדיקע, וועלן שוין נעמען אויף זיך, ווען איך וועל שטאַרבן, מיך צו באַגראָבן בא דיין זייט.

ער האט דעם טויטן קערפּער אויף די פּלייצעס גענומען און בא דער זייט פון שאָסיי, אונטערן שאָטן פון אַ טאָפּאָליע האָט ער גע־נומען גראָבן דעם קבר. נאָר אַן ארבעטער האט עס דערזען, און אים געזאָגט, אז דאָס שטיקל ערד האט אַ באַלעבאָס, און עס איז נישט דערלויבט קיינעם נישט צו באַגראָבן דאָרט.

איז ער געגאַנגען ווייטער, ווייטער און ווייטער, און אומעטום האט מען אים דאס זעלביקע געזאָגט.

— וואס זשע טוט איר, — האט דער אומגליקלעכער דאַן גע־פרעגט, — מיט די וואס שטאַרבן?

— ווייסט דו נישט, — האט מען אים געענטפערט, — אז ס'איז פאַראַן אַ הייליקער אָרט, וואו אונטער צלמים, בלומען און סימוואָלן, רוען די טויטע?

מען האט אים אָנגעוויזן דעם וועג, און ער איז אוועק מיט דעם מת צום הייליקן אָרט.

דארט האט אים א גייסטלעכער פארהאלטן, אים געשטעלט טויזנטער פראגן, וועלכע דער משוגענער האט נישט פארשטאנען, און נאָר א דאנק דעם, וואס מ'האט אים אָנגענומען פאר א משוגע־נעם, האט יענער אים געלאזט דורכגיין מיט זיין משא.

אף א פלאץ, וואס אים האט אויסגעוויזן צו זיין דער שענס־טער, האט דער אומגליקלעכער גענומען גראבן דעם קבר.

אבער ווידעראמאָל האט מען אים געשטערט אין זיין אר־בעט. איינער פון די באגרעבער האט אים אָנגעוויזן איין גרוב, זייער א גרויסן, וואוהין אייניקע פארשוינען האבן געשליידערט פון א וואגן אראָפּ צעפּיצלטע רעשטן פון מענטשלעכע קערפּערס.

— אָט דאָ ווארף אראָפּ דיין משא, — האט ער געזאגט. — דאס איז דער קבר פון די ארעמע לייט.

פול מיט שרעק איז פון יענעם אָרט דער מענטש אנטלאָפן, טראָגנדיק מיט זיך דעם קערפער פון זיין געליבטער.

און א פארצווייפלטער, איז ער געלאפן, ביז ער איז אָנגעקומען צום ראנד פונם אָפּגרונט.

— ועמענס איז דערדאזיקער אפּגרונט? — האט ער גע־פרעגט בא א פויער, וואס איז פארבייגעגאנגען.

— אזוי ווי ער טויג צו גארנישט, איז ער קיינעמס נישט, — האט אים דער פויער געענטפערט.

— אָט דאס איז דאָס איינציקע, וואס קאָן נאָך זיין מיינס, — האט אויסגערופן צופרידן דער משוגענער: — לאמיר לויפן, אָרימע געליבטע מיינע, צו דעם פלאץ, וואס די פריער געקומענע האבן נאָך איבערגעלאזט פאר אונדז.

און מיט איין שפרונג האט ער זיך א ווארף געטאָן אין אפּ־גרונט, מיט זיין משא צוזאמען.

דער עכאָ האט אופגעכאפּט דעם קראך פון די צוויי קער־פערס, וואָס זיינען צעשאָטן געוואָרן, קייקלענדיק זיך ביזן גרונט,

און ווען ס'איז נאַכט געוואָרן, האט נאָר די לבנה מיט אירע זיל־בערנע שטראַלן געקאָנט צוקומען צו זיי.

* * *

טויזנטער דורות, קינדער פונם אומגליקליכן פאַרל, האָבן נאָכ־דעם נאָכגעמאַכט זייער שטייגער, און אַלץ פולער געמאַכט דעם אָפּ־גרונט מיט זייערע קערפּערס.

פון זעלבסטמערדער און פאַרצווייפלטע איז ער ענדלעך אינגאַנצן פול געוואָרן, און די צייט און די רעגנס האָבן די ביינער צעמאָלן אויף שטויב און דאָס פלייש פאַרוואַנדלט אין ליים. ערד האט זיך צוריקגעקערט צו ערד.

* * *

ווען אָט דער אָפּגרונד איז פאַרשוואונדן פונקט ווי פריער זיינען אַנדערע פאַרשוואונדן, און עס וועלן נאָך פאַרשווינדן אַנדערע דערנאָך, איז צוגעקומען נאָך אַ פלאַץ צום באַוואוינען. אויף אים האב איך עס אויפגעבויט מיין פּאַלאַץ. פון יענעם פלייש און פון יענעם בלוט זיינען עס געוואָרן די פיינע פּירות וואָס היינגען אַראָפּ פון די בוימער, און די צאַרטע בלומען, וואָס באַדעקן דאָס פעלד און פאַרפיומירן די לופט.

* * *

וואוהין, הערשער, גייען די אַלע, וואָס, ווי יענע, געפינען זיי קיין באָדן נישט, וואו דעם פוס צו שטעלן, נישט קיין פּיצל ערד, וואו צו שלאָפן זייער אייביקן שלאָף?

— זיי גייען פול מאַכן נאָך אַנדערע און אַנדערע אָפּגרונטן, אַזעלכע טיפע, ווי דער.

* * *

וואונדערשיין איז דער פּאַלאַץ, צווישן גערטנער און סע־דער! מיט וועלכע פיינע פירות עס זיינען באַלאָדן די בוימער! וואַ־סערע צאַרטע בלומען עס באַדעקן דאָס פעלד און פּאַרפיומירן די לופט!

דערצייל נישט, הערשער, דערצייל נישט קיינעם, די טרויע־ריקע געשיכטע פון אַזויפיל וואונדער.

אַף דער עלטער

— כ'בין אלמעכטיק: איך האב אין די שאַצקאַמערן מיינע דיזיקע אוצרות אופגעזאַמלט; גרונטלעך געפאָרשט און געלערנט האב איך ווי אזוי מיין פארמעגן אלץ גרעסער צו מאכן. אמאָל, פארן טונקעלן שיין פונם לעמפל אַף נאַפט, נאָכדעם פארן ליכט פון גאַז, און שפּעטער פאר דעם שימערירנדיקן ליכט פון עלעקטרישן לאָמפּ, האָב איך די אויגן זיך געבלענדט, און געמאַכט אַלץ חשבונות און ווידער חשבונות, און האָב געציילט די מטבעות פון גאָלד אין איינזאַמקייט פון די נעכט. ארויס און אריין, איז מיין געלט גאָר די וועלט אויסגעוועז, און תמיד מיט אַ מותרות צוריק־געקערט אין מיין קאַסע.

איך בין שוין אַלט, נאָר געמיטלעך און זאָרגלאָז קאָן איך דער־וואַרטן דעם טויט. איך לעב מיר אין עושר און אין כבוד; כ'בין סע־נאַטאָר, מאַגיסטער, מיניסטער.

געלויבט ביזטו, גאָט, וואָס אזוי באַלוינט האָסטו מיין מי!
קער אָפּ, דו בעטלער, און לאָז מיר פריי דעם וועג.

* * *

כ'האָב הונדערט שלאַכטן אויסגעפאַכטן און האָב מיט בלוט פארפלייצט די וועלט. דער געקלאַנג פון מיינע וואָפן האָט גאַנצע לענדער אויפגעשוידערט. מיינע קעגנער, אין די טויזנטער, האָב איך אומגעבראַכט מיט מיין שווערד, און מיטן רויך פון מיין האר־

מאַט האָב איך די זון די ליכטיקע אין פינצטערניש געהילט.
איך בין שוין אַלט, נאָר מיט אַ רואיקן געמיט וואַרט איך אָפּ דעם טאָג פון טויט. דאָס פאָטערלאַנד, דאָס דאַנקבאַרע, האָט מיך מיט ערנקרייצן און עשירות געזעטיקט; כ'בין גענעראַל, קיניג, אימפּעראַטאָר.
געלויבט ביזטו, גאָט, וואָס דו האָסט באַלוינט אַזוי מיין מי!
קער אָפּ, דו בעטלער, און לאָז מיר פריי דעם וועג.

* * *

— כ'האָב אין די הייליקע ספרים זיך געגריבלט, און פאַר־בראַכט מיינע יאָרן און טעג אין תפילות און שירות צו גאָט. מיין הויז איז גאָטס הויז. איך דערהויב מיין געזאַנג אונטער די מעלאָ־דישע טענער פונעם פּראַלנדיקן אָרגל, צווישן מייסטערהאַפט גע־שניצטע און פּראַכטפול געצירטע בילדער־געשטאַלטן, און מיין שטים קלינגט אָפּ אונטער די הויכע געוועלבן פון טעמפּלען געראַומע.
איך בין שוין אַלט, נאָר מיט אַ רואיק געמיט קאָן איך דער־וואַרטן דעם טויט. ס'האָבן די גלויביקע רייך באַלוינט מיינע תפילות און האָבן געמאַכט מיר מתנות: ריזעס — געצירטע אין בריליאַנטן, בעכערס פון גאָלד, פּאַלאַצן פון מאַרמאָר, אוצרות אָן שיר. איך לעב מיר אין כבוד און פּראַכט: כ'בין בישאָף, קאַרדינאַל, איך בין פּויפּסט.
געלויבט ביזטו, גאָט, וואָס אַזוי האָסטו באַלוינט מיין מי!
קער אָפּ , דו בעטלער, און לאָז מיר פריי דעם וועג.

* * *

— כ'האָב אין די טיפענישן פון דער ערד געניִדערט, און אַרויס־באַקומען די אוצרות, וואָס דו האָסט צוזאַמענגענומען מיט דיינע

חשבונות און זיי געלאָזט ארומקרייזן די וועלט. איך האָב געפּרעסט אין די מילן די אויל־פּלאַנצן פונם גאָרטן און ארויסגעצויגן דעם אויל, מיט וועלכן דו האָסט דיינע לאָמפּן געצונדן, און איך האָב פון דער שאַכטע די קוילן געגראָבן, פון וועלכע מ׳האָט נאָכדעם געשאַפן דעם גאַז. מיט די קוילן האָט מען דאָס וואסער געזאָטן, און דער דאַמף האָט אָנגעפילט די קעסלען פון מאַשינען, וואָס האָבן די באַנען געשלעפּט און די שיפס־ראָד באַוועגט, און דאָס האָט מעגלעך געמאַכט דיין ברייטע באַקאָנטשאַפט. בערג האָב איך דורכגעבויערט אָדער אויסגעגלייכט זיי מיטן טאָל, און בריקן און האפנס געבויט. ביי די וואסערפאלן האָב איך קראַפט גערויבט, און האָב אין באַ־טערייען געזאַמלט די ליכטיקע און מעכטיקע עלעקטריע. איך האָב דעם בראָנדז פאַר קאַנאָנען געשמעלצט, און איך האָב געהאַרטע־וועט דעם שטאָל פון דיין שווערד, מיט וועלכן דו האָסט געזיגט. דעם טייערן פערד־געשפּאַן דיינעם האָב איך פאַבריצירט. באַם זאַמ־דיקן ים־ברעג האָב איך, נאָכקעטערהייד, געזוכט די דימענטשטיי־נער, וואָס באַצירן דיין בעכער. פונם שוים פון ים האָב איך ארויס־באַקומען די פּערל און קרעלן, וואָס באַפּוצן דיינע קליידער. מיט מיין האַק האָב איך אויסגעהאַקט די בוימער, וואָס פון זייער האָלץ האָט דער קינסטלער דיינע הייליגע געטער געשניצט. איך האָב גע־טעסעט דעם ווינקלשטיין פון דיין קאַטעדראַלע, און איך האָב אף מיינע פּלייצעס געהויבן די לעצטע באַפּוצונג צו דעם טורמשפּיץ פון דיין טעמפּל. אַ קוילנגרעבער, אַן אקערבויער, אַ קעסלהייצער, אַ האָלצהעקער, אַ טאָגלוינער בין איך געווען. אָן מיר, וואָס וואָלט פון דיינע גאָלדשטיקער געוואָרן? די צוים פון דיין רייטפערד, די פּאָדקאָווע אויף זיין פוס, די שפּאָרן וואָס דו שטעכסט אים אין זייט, דאָס אַלץ האָב איך דיר געגעבן.. אָן מיר, וואָלטן די הייליקע דיינע פון האָלץ, אין די טיפע וועלדער גערוט; די אוצרות פון דיין קירך, אינם האַרץ פון די בערג; דיינע גאָלדענע בעכערס, אינם איינגעווייד

פון דעיר ערד. דיינע הייליקע ביכער אפילו, וואלטן אַז מיר אַף דער וועלט נישט געווען! נעכטן, אוים מאנגל אין וואקס אַף וואָס זיי צו קריצן; היינט, אוים מאנגל אין פּאפּיר, אַף וואָס זיי צו דרוקן. איך האָב אייך אַלץ געגעבן און אליין האָב איך גאָרנישט.

איך בין שוין אלט, און קאָן מער נישט ארבעטן; בין איך דער־ריבער אַ בעטלער. וועט מיין גוף כאָטש אַ קבר געפינען?

מאכט אַ ווארע, איר מעכטיקע הערשער, און לאָזט פריי דעם וועג פאַרן בעטלער.

דאָס פאָלק

וואו געפינט מען דעם אָקס, וואָס זאָל נישט געשפאַנט זיין אין אקער? וואו איז דער אָרעמער מענטש, וואָס זאָל נישט געפּלאָגט זיין פון ליידן?

צוגעזען מיט פּחד האָט דער קיניג ווי דער שונא דערנענט זיך צו זיין קיניגרייך. געהילט נאָר אינם שטויב, וואָס די רייטפערד האָבן געהויבן, קוים באַרירנדיק די ערד מיט זייערע קאָפּיטעס, האָט דער קיניג דייטלעך געזען ווי עס קומען אָן די סקוואַדראָנען ביז צו די טויערן פון דער הויפּטשטאָט. זיי קומען זי אוועקצורויבן.

און דאָס ערגסטע איז, וואָס ער האָט זיינע סאָלדאַטן געהאַט אוועקגעשיקט אין ווייטע, פאַרוואָרפענע פּראָווינצן, וואו זיי האָבן באַרואיקט די אומצופרידענע אונטערטאַנען מיט די קוילן פון זייערע ביקסן.

— גיט אַרויס אַ באַפעל — האָט דער קיניג געזאָגט צו זיינע מיניסטאָרן — אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל מאַסנווייז אופשטיין, צו פאַרטרייבן די יעניקע, וואָס קומען מיין מלוכה פאַרכאַפּן.

— קיניג, — האָבן די מיניסטאָרן געענטפערט — דאָס פאָלק האָט געזען דעם שונא אַלץ נעענטער קומען, אים האָט עס אָבער גאָרנישט געקימערט.

— זאָל דאָס פאָלק זיך פאַרזאַמלען אויפן שטאָטפּלאַץ, — האָט דער קיניג באַפוילן.

האָט זיך פאַרזאַמלט דאָס פאָלק, און דער קיניג, אין איינע אַנגסטן, האָט געהאַלטן אַ רעדע, פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד האָט ער גערופן. נאָר דאָס פאָלק האָט געענטפערט:

— איך האָב נישט קיין פאָטערלאַנד: קיין איין פיצל ערד איז נישט מיינס, נישט איינע פון די פּירות, וואָס באַלאָדן די בוימער, מעג איך געניסן. זאָלן עס יענע באַשיצן, וואָס האָבן גענומ פונם פאָטערלאַנד.

אַ געדאַנק ווענן גרויזאַמער שטראָף האָט אַ בליץ געטאָן אין מוח פונם קיניג; נאָר פילנדיק וואָס אַמאָל נעענטער די סכּנה, האָט ער איינגעהאַלטן זיין צאָרן, און האָט ווייטער גערעדט צום פאָלק:

— דיין אייגענע היים פאַרטיידיק.

— איך האָב נישט קיין היים, — האָט געענטפערט דאָס פאָלק.

— איך האָב זי באַם וואוכערער געדונגען, און ער וועט מיך אַרויס־וואַרפן אויף דער גאַס, תּיכּף ווי איך וועל אים איין חודש קיין דירה־געלט נישט צאָלן.

— דיינע ווייבער פאַרטיידיק, און דיינע שוועסטער, — האָט דאָן אויסגעשריען דער קיניג.

— זיי זיינען צו נאַריש, שטאַרקע צו זיין; זיי זיינען צו אָרעם, שוואַך נישט צו זיין. זיי וואָלטן דען נישט געווען מער דיינע ווי מיינע, ווען דו ווילסט נאָר זיי אָפּקויפן מיט דיין גאָלד?

— דיינע קינדער פאַרטיידיק — האָט דער קיניג אויסער זיך אַ געשריי געטאָן.

— זיי זיינען דען מיינע? רויבסטו זיי דען נישט אַוועק באַ מיר באַלד ווי זיי וואַקסן נאָר אויס און ווערן קרעפטיק און שטאַרק?

— אָט קומט שוין דער שונא — האָט דער קיניג צושראָקן געענטפערט. — באַשיץ דעם זייכער פון דיינע אבות; זייערע קברים וועלן ווערן געלעסטערט: פאַרטיידיק דיין גלויבן, דעם גלויבן פון די

עלטערן דיינע: זיי וועלן אים פארשפּאָטן; זיי וועלן דיך מאַכן פאַר זייער שקלאַף.

— אין דיין נאָמען אָדער אינם נאָמען פון די דייניקע — גע־ענטפערט האָט דאָס פאָלק — זיינען מיינע אבות געוואָרן געלעס־טערט לעבעדיקערהייט: וואָס קען מיך דען אַרן וואָס זייער קבר וועט ווערן געלעסטערט, אַז קיינער וועט זיי שוין נישט אופוועקן פון זייער איינציקן רואיקן שלאָף, וואָס זיי געניסן? מיין גלויבן! באַדייט דען דער גלויבן פאַר מיר עטוואָס אַנדערש, ווי נאָך איין לאַסט אַ שווערע? פאַר דיר זיינען באַהאַלטן אַלע זיינע פריידן, פאַר מיר — דער גאַנצער קומער. האָט מיך דען, באַם געבוירן, דער גלויבן אַזוי באַגעגנט, ווי דיך, מיט דעם כאָר־געזאַנג פון כרובים און דעם פריידנסציטער פון די קירכן־גלאָקן? וועל איך, נאָך מיין טויט, ווערן באַגלייט, אַזוי ווי דו, מיט לויבלידער און תפילות, ביז צום ראַנד פון מיין קבר? וועט מען אויך פאַר מיר, אַזוי ווי פאַר דיר, תפילה־טאָן אָן אופהער צו גאָט דעם אַלמעכטיקן, אַז ער זאָל פאַר־געבן מיינע זינד און זאָל פאַר מיר עפענען די טויערן פון הימל? מיין פרייהייט! נאָר, בין איך דען פריי? וועלכן עול קאָן דער שונא אַף מיר נאָך אַרופצווינגען, וואָס דו האָסט שוין נישט אַרופגע־צוואונגען אַף מיר? מיינע הענט און די הענט פון די מייניקע, נאָר פונדיינטוועגן באַוועגן זיי זיך. פון מיין שוואַכמוטיקייט לעבסטו. קאָנען יענע ערגער נאָך מאַכן?

* * *

דער ליאַרם פון דער אינוואַזיע האָט פאַרטויבט די שטים פונם פאָלק, און דערשטיקט די קללות פונם קיניג.

* * *

וואָס פאר א חורבן! ס'האָט די שטאָט זיך אונטערגעגעבן אָן קאַמף, געפאנגען געבליבן איז דער קיניג. דאָס לאַנד האָט מען מיט אַן אַנדער נאָמען געקרוינט, און ס'האָט דאָס ליכט פון נייעם טאָג אויף אַן אַנדער פאָן געלויכטן, אויפן טורמשפּיץ פונם קיניגלעכן פּאַלאַץ.

נאָר דאָס פאָלק האָט, דאכט זיך, נישט באַמערקט גאָר דעם אומבייט. אזוי ווי פריער, אין נאָמען פון קיניג, פון גלויבן און פון פרייהיים, שלעפּט עס ווייטער דעם שווערן לעבנסיאָך און זינגט:

וואו געפינט מען דעם אָקס, וואָס זאָל נישט געשפּאַנט זיין אין אַקער? וואו איז דער אָרעמער מענטש, וואָס זאָל נישט געפּלאָגט זיין פון ליידן?

דער רינג

פאַרוואָס זאָל מען שאַפן פאַר אַ קאַרגער באַלוינונג און צום נוצן פונם שררה, דאָס, וואָס דער שררה אַליין, נישט ער וואָלט עס געשאַפן פאַר אַלע געלטער פון דער גאָרער וועלט?

* * *

דער קיניג האָט אין איין קושן געהאַלטן דעם רינג — זיין געליבטערס מתנה, און כדי בעסער מיט אים זיך צו קוויקן, האָט ער אים פונם פינגער אַרונטערגעצויגן.

נאָר אַרויס פון דער האַנט איז דער רינג אים געפאַלן, און גענומען זיך קייקלען און קייקלען, און געקומען צום ראַנד פונם תהום, און פאַרשוואונדן אין אים.

דער קיניג האָט זיך אַ לאָז געטאָן כאַפּן דעם רינג, און עס האָט ווייניק געפעלט, ער זאָל זיך נאָך אים נישט אַ וואָרף טאָן אין אָפּגרונט אַראָפּ.

נאָר, דאָס מויל פונם תהום, ווי ער האָט נאָר דערבליקט און אים דערזען אַזוי שוואַרץ, אַזוי טיף, איז אים אַ פּחד באַפאַלן.

— ווען מיין געליבטע זאָל וויסן, אַז איך האָב איר מתנה פאַרלוירן, קאָן זי נאָך מיינען, אַז איך נעם זי פאַראַכטן, און ס'וועט אויפהערן איר ליבע צו מיר. און וועל איך דעם רינג נישט געפינען און איר ליבע פאַרליר איך — אין מלחמה דאַן שטיל איך מיין האַס. קעגן דער גאַנצער וועלט הויב איך דאַן אויף מיינע וואָפן. אומרו

און טויט, וועלן קלעמען מיין לאַנד און נישט איינער וועט בלייבן, וואָס וועט נישט זיין, לכל־הפחות, אזוי אומגליקלעך, ווי איך.

* * *

האָט גערופן דער קיניג זיין ערשטן בעל־יועץ, און נאָכדעם ווי ער האָט אים וועגן זיין אומגליק דערציילט, ט'ער אים געבעטן אַראָפּנידערן אונטן אין תהום און זיין געליבטערס מתנה געפינען.

— מיין גאַנצע עשירות גיב איך אַוועק דיר, אויב דו קערסט מיר צוריק אום מיט דעם דאָזיקן אוצר די ליבע פון דער, וואָס איך ליב און פאַרגעטער. אינם וועלט־שלום גייט עס, אז דו זאָלסט אים געפינען. פּאַלאַצן און גאָלד, קאָסטבאַרע שטיינער און פּרעכטיקע שטאָפן, קאַרעטן און רייטפּערד, אַלץ וועל איך דיר געבן.

נאָר ס'האָט דער ערשטער בעל־יועץ געענטפערט:

— צו וואָס, מיין האר, טויג מיר דאָס אַלץ, נאָכדעם ווי מיין לעבן פאַרליר איך? פינצטער און טיף איז דער אָפּגרונט; קאַנטיקע פעלדזן, ריסן און שפּאַלטן, וואָס זיינען ווי תהומען אין תהום, שטערן צו גרייכן דעם גרונט. פון נידעריקערן שטאַנד פּרואוו אויסזוכן איינעם, וועסטו פויעלן, אפשר, ס'זאָל ווער דאָס לעבן שטעלן אין קאָן.

* * *

האָט גערופן דער קיניג זיין עלצטן פאַרוואַלטער, און נאָכדעם ווי ער האָט אים וועגן זיין אומגליק דערציילט, האָט ער אים געבעטן אַראָפּנידערן אונטן אין אָפּגרונט, און זיין געליבטערס מתנה דאָרט זוכן. — צען מיליאָן גאָלד־שטיקער באַקומסטו, אויב דו קערסט מיר צוריק אום מיט דעמדאָזיקן אוצר די ליבע פון דער,

וואָס איך ליב און פֿאַרגעטער. אינם וועלט־שלום גייט עס, אז דו זאָלסט אים געפֿינען.

נאָר ס'האָט דער עלצטער פֿאַרוואַלטער געענטפֿערט:

— צו וואָס, מיין האַר, טויג מיר דאָס אַלץ, נאָכדעם ווי מיין לעבן פֿאַרליר איך? פֿינצטער און טיף איז דער אָפּגרונט; קאַנטיקע פֿעלדזן, ריסן און שפּאַלטן, וואָס זיינען ווי תהומען אין תהום, שטערן צו גרייכן דעם גרונט. פֿון נידעריקערן שטאַנד פּרוּווּ אויסזוכן איינעם, וועסטו פֿויעלן, אפֿשר, ער זאָל דאָס לעבן זיינס שטעלן אין קאָן.

* * *

האָט געלאָזט רופֿן דער קיניג איינעם נאָכן אַנדערן, דעם גע־נעראַל זיינעם, זיין פּריסטער און זיין ריכטער, און זיי אָנגעבאָטן פֿאַר דער זעלביקער טובֿה: דעם ערשטן, אַ פֿולן קאָרב מיט ברי־ליאַנטן; דעם צווייטן, צוויי מיליאָנען מטבעות פֿון גאָלד; דעם דריטן, זילבער־שטיקער אַ גאַנצן מיליאָן.

נאָר יעדער פֿון זיי האָט געענטפֿערט:

— צו וואָס, מיין האַר, טויג מיר דאָס אַלץ, נאָכדעם ווי מיין לעבן פֿאַרליר איך? פֿינצטער און טיף איז דער אָפּגרונט; קאַנטיקע פֿעלדזן, ריסן און שפּאַלטן, וואָס זיינען ווי תהומען אין תהום, לאָזן דעם גרונט נישט דערגרייכן. פֿון נידעריקן שטאַנד, איינעם זוך אויס, און דו וועסט פֿויעלן, אפֿשר, ר'זאָל איינשטעלן זיין לעבן אין קאָן.

* * *

דאַן האָט דער קיניג דערמאָנט זיך, אַז אין זיין לאַנד זיינען פֿאַראַן פֿיל מענטשן, וואָס שטאַרבן פֿון הונגער, בעל־מטופּלים מיט קינדער, און האָט זיי געלאָזט רופֿן. נאָכדעם ווי ער האָט דערציילט

זיי זיין אומגליק, האָט ער זיי געבעטן אַראָפּנידערן אונטן אין אָפּ־
גרונט און זיין געליבטערס מתנה געפינען.

— אַ זאַק מיט מטבעות פון קופּער גיב איך דעם יעניקן, וואָס קערט מיר צוריק אום מיט דעמדאָזיקן אוצר די ליבע פון דער, וואָס איך ליב און פאַרגעטער. אינם וועלט־שלום גייט עס, אַז איר זאָלט אים געפינען. ווער עס וועט געווינען דעם זעקל מיט געלט, וועט אויף אַ האַלבן יאָר האָבן פאַרזאָרגט זיינע קינדער מיט ברויט.

* * *

ס'האָבן די הונגעריקע אָנגענומען דעם אָנבאָט און פאַרשוואונדן זיינען זיי אַלע אינם חושך פון תהום.

עס זיינען פיל יאָרן פאַרלאָפן.

בלויז איינער, נישט מער, איז געקומען צוריק, מיט דעם רינג פונם קיניג; און דער קיניג, אַז ער האָט נאָך דעם אוצר דערבליקט, האָט פאַר שמחה אַזש געוויינט, ווייל מיט אים געווינט ער צוריק די ליבע פון דער פרוי דער געגאַרטער און פאַרזיכערט דעם שלום אין לאַנד.

— גיב אָט דעם שלעפּער — האָט ער דעם פאַרוואַלטער באַפוילן — דעם זעקל מטבעות פון קופּער, וואָס איך האָב אים פאַר־שפּראָכן. ער האָט עס גאַנץ כשר פאַרדינט.

אַ האַלב יאָר האָט דער הונגעריקער געהאַט ברויט פאַר די קינדער, און האָט געבענטשט און געלויבט די גוטסקייט פונם קיניג.

די אַלמנות פון יענע וואָס זיינען אין אָפּגרונט געבליבן, באַוויינען זיי איצט נאָך.

און ווי וואַנזיניקע זינגען זיי אַלע נאָך דאָס ליד:

— פאַרוואָס זאָל מען שאַפן פאַר אַ קאַרגער באַלוינונג און צום נוצן פונם שררה, דאָס, וואָס דער שררה אַליין, נישט ער וואָלט עס געשאַפן פאַר אַלע געלטער פון דער גאָרער וועלט?

„ווירטוס פאַסט נוממוס"

טין... טאַן — — טין... טאַן...!

— וואָס זאָגט אָן אָט דער גלאָקן־געקלאַנג?

— ער זאָגט אָן די שעה פון משפּט.

* * *

דער קיניג איז געווען זייער אַ גוטער, האָט ער אַליין געוואָלט ריכטיק דערגיין אַף וויפיל ס'איז אמת, אַז זיין פאָלק איז פאַרדאָרבן.

פול איז געווען די תפיסה מיט פאַרברעכער.

אַלע האָבן זיי זיך פאַר אומשולדיק געהאַלטן.

איז דער קיניג געגאַנגען אַליין זיך דערקונדיקן, ווער ס'איז דאָרט ווירקלעך אומשולדיק.

איז ער אונטער די שטאָרן אַדורך, און ס'האָבן פאַרמאַכט זיך הינטער אים די אייזערנע טויערן די שווערע.

— גערעכטיקייט, גערעכטיקייט! — האָט מען פון אַלע זייטן געשריען צו אים. און אויסגעמישט מיט אָט די געשרייען האָט ווידערהאָלט דער עכאָ, אין די לאַנגע קאָרידאָרן, דעם גערויש פון הונדערט קייטן.

אַף איין הויף זיינען געווען די גנבים, און דער קיניג האָט זיי געפרעגט וואָס זיי האָבן צו זאָגן.

— מיר זיינען נישט קיין רשעים — האָבן זיי אים געענטפערט;

— אייניקע אונדזערע זיינען הונגעריק געווען און האָבן געגאַנוועט, און דאָס גאַנוועטן האָט אונדז צו אַנדערע פאַרברעכנס געפירט; אַנדערע, האָבן דעם לוקסוס פון די מינסטאָרן געזען, די געליבטע פון אונדזערע ריכטער, די גוטע וויינען און טייערע מאכלים פון די פּרינצן, די שיינע קליידער פונם אדל און — מ'איז דאָך נישט מער ווי מענטשן, פּונקט ווי זיי, האָט אויך אונדז, אַזוי ווי זיי, אויסגע־זען שיין דאָס צירונג זייערס און די פּרויען ;אַזוי ווי זיי — דער־קוויקנדיק די ווייַנען און די טייערע מאכלים ;אַזוי ווי זיי — פאַר־פירעריש און פּרעכטיק, די שיקאַרנע קליידונג. און מיר זיינען דאָך מענטשן אַזעלכע ווי זיי: פאַרוואָס־זשע זאָלן מיר האָבן דאָס רעכט נאָר אויף אַרבעט און שלעכט באַלוינטער, און זיי — דאָס רעכט צו געניסן פאַרגעניגנס אָן שיר? האָבן מיר אויך געוואָלט עס פאַרזוכן, און מיר האָבן געגאַנוועט, און דאָס האָט שוין אונדז צו אַנדערע מי־אוסע מעשים געפירט. ווען נישט דידאָזיקע מאָדעלן און זייער כוצ־פּעדיקע באַרימערישקייט, וואָלט נישט געווען פאַרוואָס אונדז צו מישפּטן.

דער קיניג האָט איבערגעלאָזט די גנבים, און מיט אַ געבוי־גענעם קאָפּ איז ער אוועק אַפן הויף פון יענע, וואָס זייערע הענט און זייערע קליידער זיינען געווען אין בלוט אויסגעשמירט.

— רעדט! — האָט ער זיי באַפוילן.

— מיר זיינען נישט קיין רשעים — האָבן זיי געזאָגט; אייניקע אונדזערע האָבן געמאָרדעט, ווייל הונגער און קנאה האָבן אונדז פאַרפירט פיל ווייטער, ווי מיר האָבן עס געמיינט; אַנדערע האָבן געמאָרדעט, פאַלנדיק אונטערן דראַנג פון אידייען, וואָס זיי־נען געוואָרן אַ טייל פון אונדזער וועזן — אַזוי טיף האָבן איינגע־פלאַנצט זיי אין אונדזער גייסט דיינע אייגענע לערער און פּריס־טער ;מיר האָבן געמאָרדעט, אַזוי ווי דו וואָלסט דערמאָרדעט דעם־יעניקן וואָס וואָלט דערלאַנגט דיר אַ פּאַטש, אָדער וואָלט דיין

טאַכטער געשענדעט, צו דיין שוועסטער, אָדער וואָלט זיך פאַר־קליבן אין דיין אייגן בעט; אַנדערע — ווייל מיר האָבן פאַר־לוירן דעם שכל, וואָס האָט פון קינדערוויז אָן קיין אופזיכט נישט געהאַט און אין אַן אומגעזונטער סביבה זיך אַנטוויקלט. ווען נישט אונדזער קראַנקשאַפט און ווען נישט אונדזער נויט, ווען נישט אונד־זערע אַבערגלויבענס און אונדזער מאַראַלישע הילפלאָזיקייט, וואָלט נישט געווען פאַרוואָס אונדז צו מישפּטן.

— גענוג! — האָט אויסגערופן דער קיניג; — אַן אויסוואורפן־געזינדל, דאָס זיינט איר. איר האַלט זיך פאַר אומשולדיק, און אייערע פאַרברעכנס לייקנט איר נישט אָפּ. איך קען נאָך לסוף ווערן גערירט פון אייערע טענות און גלויבן, אַז בלויז אַ צופאַל אין לעבן איז די טונגט. בלייבט־זשע זיצן אין אייערע פינצטערע צעלן! עס רינגלען מיך אַרום טויזנטער אַדל־לייט און מאַגנאַטן, גענעראַלן און פּריסטער: זיינען זיי אויך מענטשן אַזעלכע ווי איר, און דאָך האָבן זיי קיינמאָל נישט געגאַנוועט, נישט געגאַזלט, ווי איר: אויף אייער פּנים דערקענט מען וואָס איר זיינט. רציחה איז אויסגעמאָלט אויף די שטערנס אויף אייערע. צוריק! איר פאַרדאַמטע פון דער געזעלשאַפט! איך זאָג זיך אָפּ פון מיטלייד צו אייך.

נאָר איין פאַרברעכער, וואָס האָט שוין דעם לאַנגן ראָק גע־טראָגן און געוואַרט, אַז דער תליון זאָל אים צום שטראָף־פּלאַץ פירן, האָט זיך אָנגערופן צום קיניג:

— אַ מענטש וואָס גייט שטאַרבן, זאָגט נישט קיין ליגן. גוטע מענטשן זיינען אָט די אַלע, וואָס האָבן צו דיר גערעדט. און טאָמער גלויבסטו נישט, קאָנסטו מאַכן אַ פּרואוו. נעם אָפּ בײַ די אַדל־לייט דיינע, בײַ דיינע מאַגנאַטן, בײַ דיינע גענעראַלן, בײַ דיינע געלערנטע און בײַ דיינע פּריסטער, אַלע זייערע גיטער און רענטעס, און טייל אוים זייערע ראַנגען, ערנאַמטן און פאַר־מעגנס צווישן די, וואָס באַוואוינען אָט די פינצטערע תפיסה. און

זיי, די אַלמעכטיקע פון היינט, לאָז איבער, זיי זאָלן אויסקומען אַליין, ווי זיי קאָנען, וועט עס לאַנג נישט געדויערן, און זיי וועלן זייערע לייבער באַדעקן מיט אָט די לומפּיקע שמאַטעס, וואָס גיבן צו אזא מיאוסן אויסזען דידאָזיקע מענטשן, וואָס דו זעסט דאָ; שנאה און קנאה וועלן איינשרומפּן זייערע הערצער; זאָרג און מורא וועלן צוקנייטשן זייערע געזיכטער. וועלן זיי אין דיינע אויגן אויס־זען ווי פּרייוויליקע פאַרברעכער, אַזעלכע ווי די, וואָס האָבן ערשט דאָ גערעדט.

דער קיניג האָט נאָכגעדיינקט א ווײַלע און זיך אָנגערופן אַנטשלאָסן:

— ס'זאָל געשען. זיכער בין איך אין דער טוגנט פון די לייט, וואָס רינגלען מיך אַרום.

* * *

טין... טאָן — — טין... טאָן...!

— וואָס זאָגט אָן דער גלאָקן געקלאַנג?

— ער זאָגט אָן די שעה פון משפּט.

* * *

די פירונג פון דער מלוכה האָט פונם אומבייט פון דעם באַאַמטן־שטאַב גאַרנישט געליטן.

ס'האָבן די אַלטע פאַרברעכער אָפּ זיך אָנגעצויגן די טאָגע, אָנגעגורט די שווערד און פעסט געהאַלטן דעם פּריסטער־שטעקן.

און פּונקט אזוי ווי זייערע פאָרגייער, האָבן זיי ערנסט און פּונקטלעך די מלוכה געפירט.

די שמוקהענדלער האָבן זייער צירונג פאַרקויפט צו די נייע פּריסטער, גענעראַלן און ריכטער. די לייכטזיניקע פרויען האָבן זיי

זייערע פארגעניגנס צוגעשטעלט.

און ווידער זיינען די תפיסות אַלץ פולער געוואָרן מיט גנבים און רוצחים, וואָס די נייע פארמעגנסלאַזע מחנות האָבן צוגעשטעלט בשפע, פונקט ווי אין די אַמאָליקע צייטן. הונגער, קנאה, תאווה און וואנזין, האָבן ווייטער געבראָכן אייזערנע קאסעס, אין רייכע פאַלאַצן געקלעטערט, מיט קינזשאַלן געפאָכטן און מענטש־לעך בלוט פארגאָסן.

דער שטראָף־קאָדעקס איז פארבליבן דערזעלביקער און איז אָנגעווענדט געוואָרן מיט דערזעלביקער שטריינגקייט.

און דיזעלביקע קלאָגעס פון אַמאָליקע צייטן האָבן ווידער גע־לעכערט די אויערן פונם קיניג.

האָט איינגעזען דער קיניג, אַז רעכט האָט געהאַט יענער פאר־מישפּעטער צום טויט.

נאָר, נישט קאָנענדיק צוטראַכטן קיין מיטל, האָט ער געלאָזט פארבייגיין יאָרן און הונדערטער יאָרן, און אַלץ זיך געקליגערט און עצות געזוכט.

און אזוי איז געקומען אַ טאָג, און די פאַראָרעמטע מחנות האָבן, אין אויסברוך אין העכסטן פון צאָרן, אויסגעהארגעט די מאַגנאַטן, און די גענעראַלן, און די פּריסטער, און די ריכטער, און דעם קיניג אליין: און די פּאַלאַצן און שלעסער האָבן זיי צושמע־טערט און באַגאַנגען ווילדע מעשים אָן שיר. און אַז ס'האָט וואר געהערט: טין... טאָן — — טין... טאָן...! און געפרעגט:

וואָס זאָגט אָן אָט דער גלאָקן־געקלאַנג?

האָט מען אים געענטפערט:

— ער זאָגט אָן די שעה פון משפּט.

⊙⊙⊙⊙⊙⊙

וואָוילטאָט

איך בין דער מלאך פון וואוילטאַט.
— דו א מלאך? גיי פארשטעל דיך וואו אנדערש, וואו מען זאָל נישט אנטדעקן, אז דו ביזט דאָס נאָר אויסן די געוויסנביסן פון דער נשמה פון דיינער אין אַ מאַנטל פון טוגנט צו הילן.

* * *

ווייל געבוירן אין עלנטקייט בין איך און די נאָענטע מיינע, געלעבט האָב איך עלנט, און מיין איינציקע שיצונג איז געווען די אָרבעט די שווערע.

דער פריידיקער טומל פון רווישיקן לעבן דערגרייכט נישט מיין אָרעמע הייזקע.

שטאַרב איך אוועק דאָ, און מיין יאָמער פון ווייטיק שטערט נישט זיין מאַרש אַף אַ האָר ניט.

וואָס וועט דאָ ווערן פון מיר? וואָס וועט דאָ, דער עיקר — אוי! — ווערן, פון אָט דעם אַלטיטשקן ייִדן, וואָס איז באַזיגט פונם יאָך פון דער אַרבעט, וואָס ער טויג שוין צו גאָרנישט?

וואָס וועט ווערן פון אָט דעם קליינוואַרג, וואָס אין שלאָף נאָר פאַרגעסט עס זיין הונגער? פון דעם פיצעלע קינד וואָס וועט ווערן, וואָס ער איז נאָר וואָס געקומען צום לעבן, און געטראָפן פאַר־טריקנט און ביטער ווי גאַל די בריסט פון זיין מאַמען, אַף וועמען עס לויערט דער טויט?

נאָר, ווער קומט עס אהערצו?

* * *

— פרוי, זאָל שטילן דיין וויטיק: איך קום דיך דערלייזן פון דיינע יסורים. קום מיט מיר, מ'וועט היילן דיינע וואונדן; דער שפּי־טאָל איז דאָ נאָענט.

— און, כ'וועל, הייסט עס, נישט שטאַרבן צווישן די נאָענטע מיינע און נישט פילן פון זייערע ליפּן די קושן אויף מיינע אייז־קאַל־טע הענט?

— ניין; דאָרט צווישן פיל אַנדערע קראַנקע, דיך אויסצו־היילן וועט מען זיך מיען. און שטאַרבסטו אַוועק דאָרט, הערן בלויז וועסטו באַם אויסגיין, דאָס קרעכצן פון יענע, וואָס בלייבן נאָך ליידן.

— און וואָס וועט זיין מיט אָט דעם עלנטן זיידן?

— איך וועל אים אַוועקפירן אין הקדש.

— און, אויך אים וועט מען צושיידן מיט די נאָענטע זיינע? נישט פילן וועט ער מער, אַזוי ווי דאָ, אַרום אים, דאָס קלאַפּן פון הערצער פון יונגע? נישט שטיפן וועלן מער באַ זיינע פיס דער צו־קונפטס הערצלדן, וואָס דערמאָנען רגע נאָך רגע, אַז דאָס לעבן פאַרגייט נישט, אַז דאָס לעבן איז אייביק?

— ניין: ס'וועלן כּאָרעווע זקנים פריש האַלטן אין זיין באַ־וואוסטזיין די וואונד פון זיין אַלטקייט. נאָר זיי אַליין וועט ער האָבן פאַר קאַמעראַדן, זיי — וואָס ווי ער, ענדיקן אויך שוין זייער מאַרשרוט. קעפּ, אַזוי ווי זיינער, פּליכעוואַטע; מיילער, ווי זיין מויל, ליידיק, אָן ציין; הענט, ציטערנדיקע, ווי זיינע, — וועלן אים כּסדר דערציילן, אַז אויף שטענדיק אַוועק איז די יוגנט און אַז דער קבר איז אָפן אים אופצונעמען.

— נו, און די קינדער מיינע?

אין יתומים־הויז נעם איך דעם אינגל אריין, דאָס מיידל — אין

אַ רעליגיעזן אזיל, דאָס אויפעלע אין פינדלהויז נעמט מען באַלד צו.

— און אין יתומים־הויז, און אין אַזיל, און אין פינדלהויז, וועט מען עסן זיי געבן! נאָר, ליבהאָבן ווער וועט זיי דאָרט? זיי וועלן דאָרט פארגעסן איינע די אנדערע, הארט וועט דאָרט ווערן זייער הארץ. ווער וועט פאר זייער צוקונפט זיך זאָרגן?

— די אינגלעך — זיי וועלן זיין סאָלדאטן; דאָס מיידעלע, אַ מאַנאשקע וועט זיין, אָדער אַ דינסט.

— אַלע צעווארפען, צעשפרייט! און וואָס איז מכח דעם ליבעסבאַנד, אַף אייביק געקניפּטן, וואָס וואָלט אין די קינדער באַדארפט ווערן פאראייביקט? און יענער פעסטער יסוד פון יעדער געזעלשאַפט? און די פאַמיליע, וואָס איז אין געזעצביכער געהייליקט און אין די הייליקע שריפטן געבאָטן? ווער... ווער ביזטו עס, וואָס אַנשטאָט יעטווידער טרייסט, קומסטו אָנבאָטן דעם אומגליקלעכן מענטשן די ביטערקייט פון שפּיטאָל און די דערנידערונג פון אזיל?

—איך בין דער מלאך פון וואוילטאָט.

— דו, אַ מלאך? גיי פארשטעל דיך וואו אנדערש, וואו מען זאָל נישט דערקענען, אז דו ביזט נאָר דאָ אויסן די געוויסנביסן פון דער נשמה פון דיינער אין אַ מאַנטל פון טוגנד צו הילן.

די זונה

פאַרוואָס זאָלט איר פאַרדאַמען אונדז און פלוכן, אז אַבוץ דעם וואס אליין, מיט אייער רשעות, האט איר אונדז געשאפן, קאָן דאָך אייער מלוכה אן אונדז נישט באגיין זיך?

* * *

— פאַרפלוכט, טויזנט מאָל, זאלן זיין די זונות די פּרעכע! — האט אויסגערופן דער צעזאר.

—איר זיין־דאָ באַליידיקט, איר באַרירונג באַשמוצט מיך, — האָט צוגעגעבן די מאַטראָנע.

— אין אייביקן פייער וועלן זיי ווערן פאַרלענדט, — האָט אויסגעזונגען דער פּריסטער.

און אַ שטים אַ טרויעריקע, ווי דער קלאַנג פון הונדערט האַרפן צובראָכענע, האט אָנגעפילט די לופט:

— ווייַ צו מיר! — האָט די שטים געגרעדט. — כ'בין אַ זונה! מיט מיין קראַנקן, פאַרמוטשעטן קערפּער פאַרקויף איך צו די מענער די תענוגים פון ליבע. ליבן אַלע, נאָר איך אליין ליב נישט, איך קאָן נישט ליבן קיינעם. אויף מיין שוים לייד איך די משא פונם שיכור, ווי פון דעם ניכטערן; איך שטיל דעם דורשט נאָך גענוס פונם פאַרדאַרבענעם, ווי פון דעם אומשולדיקן. אין מיין בעט איז מיין אָרט נאָר קאַלט, אַזוי ווי אייז. כ'בין אַזוי ווי דער טויט, פאַר אַלעמען גלייך; אין מיינע אָרעמס נעם איך אויף דעם בעטלער, וואָס

איז געהילט אין שמאַטעס, ווי דעם רייכן, וואָס איז אין זיידנס גע־הילט. פון מיינע ליפּן נאָגן מיין קריינקלעכן פיבער, אַנשטאָט גלוטן פון ליבע, די מענער פון אַלערליי שטאַנדן. פונקט ווי צום בעבער מיט שוימיקן ווייַן, מיט וועלכן איך זוך אין אָרגיעס ווילדע צו פאַרטרייבן מיין שלאָף און מיין עקל און פּיין, שטרעקן צו מיר זיך יעדערנס ליפּן, און איך שטוים זיי קיינמאָל נישט אָפּ. דער מיאוסקייט אליין שטיי איך צו דינסט, פונקט ווי דער שיינקייט דער עכטער; דער געזונטקייט און גבורה, פונקט ווי דער קראַנקשאַפט און שוואַכקייט. צו אַלעמען גלייך שמייכלט מיין אומגליק, און פאַר אַלעמען גלייך, נאָר נישט פאַר מיר, בין איך פריילעך.

צעזאַר, נישט פלוך מיך. וואו איז דער פינגער וואס זאָל צייגן אַף די מענער, וואָס האָבן, ווי דו, אויסגעשעפּט די בשמים פון מיין אומשולד און מיך נאָכדעם עלנט געלאָזן? מיין געפאַלנקייט איז אויך דיינע געווען, נאָר מיין טוגנד האט עס פאַרבאָרגן.

צעזאַר! איך בין דאָס געזונט פון דיינע סאָלדאַטן, וועמען דו דערלויבסט נישט קיין אנדער באַגלייטערן צו האָבן. בשעת זיי דרעמלען אין מיין שויס, לאָזן זיי צורו אַף זייערע יונגפרוילעכע בעטן דיינע טעכטער און דיינע שוועסטער. זיי שטילן מיט מיר די מענטיקע אינסטינקטן, וואס דיין געזעץ האט נישט געוואוסט אַף אַ בעסערן וועג זיי צו ריכטן. דעריבער דערגרייכט מיך דיין געזעץ, נאָר נישט, כדי מיך צו מישפּטן. זיי אויסגעהאַלטן מיט דיין איי־גענעם געזעץ.

— מאַטראָנע, זאָל נישט באַליידיקן דיך מיין זיין־דאָ, און זאָל דיך נישט באַשמוצן מיין באַרירונג. ווער האָט מיך צו שאַנד געטריבן, אויב נישט דיינע טאַטעס, דיינע ברידער און דיינע איי־גענע זין? האלסט דו דען אַליין נישט מיט אייפער דיין זון אָפּ, אַז ער זאָל זיך נישט איילן צו זוכן די באַגלייטערן זיינע? און זוכסט דו דען אַליין נישט גלייכער, אַז אין צייטווייליקן געגום זאָל ער דער־

שטיקן די פלאמען פון יוגנט, וואס וואלטן אוועקגערויבט זיין הארץ פון דיר אף שטענדיק? איך בין דער קרבן פון דיין זעלבסטזוכט. פארוואנדלט ביסט דו אין א שקלאפן, און דיין טייערע שקלאפע־ריי — אונדז אלעמען פארשקלאפט זי: דיינע זין, ווייל זיי וועלן מוזן אויסקלייבן פאר זיך אזא טייערע שקלאפן ווי דו אליין ביסט; מיך — ווייל איך בין דער באשאף פון זייער נאטור, וואס איז אין סתירה צו דעם געזעץ, וועלכער זוכט זי צו האלטן אין קייטן געשמידט.

— פריסטער, פארמישפעט מיך נישט צו אייביקן פייער פון גהינם. זאל די אייביקע פארצווייפלונג מיין געמיט נישט באטריבן. פארמאכסטו דען פון דיין הימל די טויערן פאר יענע, וואס האבן מיין לייב פארפייניקט און פון מיין נשמה צולאזנקייט געפאדערט מער ווי זי האט פארמאגט? האסט דו אפגעזאגט דען דיין ברכה דעמיעניקן, וואס האט מיך אין תהום געשליידערט, און נאכדעם אן אנדער באגלייטערן אפן אלטאר דיר געבראכט? זיי און די קינ־דער זייערע האבן דיין ברכה באקומען.

— צעזאר, מאטראנע, פריסטער. צווישן מיינע חברטעם גע־פינט זיך נישט קיין איין־איינציקע פרינצן־טאכטער. קיין גווירנטע כאפט זיך נישט צו מיין טרויערדיקער באשעפטיקונג. די צולאזנ־קייט שאפט אויסגעלאסענע — נאר די נויט שאפט גאסנפרויען. די אויסגעלאסענע קאנען אייער פלוך זיך פארדינען, ווייל א באַ־פרידיקונג האבן זיי אין זייער געניוס. פארוואס־זשע פלוכט איר די יעניקע, וואס ליידן?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און די שטים האט זיך אויסגעלאשן, ווידערהאלנדיק:

פארוואס זאלט איר פארדאמען אונדז און פלוכן, אז אכוץ דעם וואס אליין, מיט אייער רשעות, האט איר אונדז געשאפן, קאן דאך אייער מלוכה אן אונדז נישט באגיין זיך?

דימצי־פלין

הערשער, קריגער בארימטער! וואס־זשע שטעל איך אף דער־דאזיקער מצבה: „דא ליגט א העלד", אדער „א מערדער ליגט דא"?
— ווארט אוים: ביז איך שטארב נישט און מיין שטאם גייט נישט אונטער, טאר מען אף דעם קבר דעם אמת נישט שטעלן.

* * *

פארוועדטס שפאנט די ארמיי, און פון אלע אפן וועג מאכט זי א תל: אומגעריכט גייט זי באפאלן דעם שונא. וואו זי מארשירט נאר אדורך, פארזייט זי דעם וועג מיט פגרים, כדי צו פארהיטן, עס זאל ערגעץ א שפיאן דורך א זייטיקן שטעג נישט אנטדעקן איר מארש.

זי קומט אריין אין א דארף; די איינוואוינער־רעשטלעך — ווייבער, קינדער און זקנים — שיצן זיך אין אלטער געביידע.

דער אימפעראטאר וועט נישט מער ווי אדורכגיין דאס דארף, נאר ער וויל נישט ס'זאל פארבלייבן אין אים איין עדות אפילו פון זיין דורכמארש. אף זיין באפעל האבן פארפאסטנס עטלעכע פאר־נומען אלע ארויסגאנגען פון דארף.

— שעכט אוים — באפעלט ער דעם חייל זיינעם — די אלע, וואס האבן זיך אין דער חורבה פארקליבן, נישט זיי וועלן אפילו פרואוון זיך ווערן, אזעלכע שוואכע ווי זיי זיינען.

די סאלדאטן קווייקלען.

ס'שווידערט זיי פונם ברוטאַלן באַפעל. אינמיטן דער שטיל־קייט טרעט פאָראויס א סאָלדאַט:

— מאַיעסטעט! — רופט ער אָן זיך צום קיניג: — פאַר־שפאָר אונדז דעם פיין אזויפיל בלוט צו פארגיסן מיט אונדזערע הענט. מיר האבן פולווער איבערגענוג: ער באַלעסטיקט אונדזער באַגאַזש נאָר און שטערט אונדז אין מאַרש. מיר דאַרפן נאָר עט־לעכע פעסער צו דער געביידע צושאַרן, און זי וועט אַף פּיצלעך צושפּרינגען, מיט אַלע צוזאַמען, וואָס געפינען זיך דאָרט.

פאַרטראַכט זיך א ווײַלע דער קיניג, און וויליקט באַלד איינעם אַף דעם פאָרשלאַג פונם סאָלדאַט.

ווען דאָס הויז איז אַרומגערינגלט שוין מיט די פעסער און איינע מיט די אַנדערע אין באַריִרונג געשטעלט דורך קאַנאַלן פון אופּרייסנדיקע שטאָפן, לאָזט רופן דער קיניג דעם סאָלדאַט, וואָס האָט אים דעם פאָרשלאַג געמאַכט.

— דיין אופּטו איז עס. איך האָב נישט געוואָלט מקריב זיין דאָ קיין איינעם פון מיינע סאָלדאַטן. איצט איז, אָן ספק, איין קרבן דאָ נויטיק, צו אָנצינדן דעם פולווער. ווען מיר זאָלן אוועק־לייגן א קנויט, וועלן אים די באַלאַגערטע פאַרלעשן.

פאַר מיינע אויגן מוז אופגעריסן ווערן דאָס הויז. איך וויל זיכער זיין ,אַז מיין אַפּשטעלן זיך דאָ איז נישט פּרוכטלאָז געווען. גיי דו, און צינד אָן איינעם פון די פולווער־קאַנאַלן. מיט מיין שפּאַק־טיוו וועל איך פונדערווייטנס באַוואונדערן קאָנען דאָס בילד פונם שעכטיקן אופרייס.

— איך גיי, מאַיעסטעט! — ענטפערט דער סאָלדאַט, — דאָס איז מיין געבורט־שטעטל דאָ. אין דעמדאָזיקן הויז געפינען זיך מיין טאַטע־מאַמע און מיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך קליינע. איך וויל זיי איינשפּאָרן דעם גרויל פון א שחיטה און באַגלייך מיט זיי וועל איך אויך פון א שנעלן טויט געניסן.

און דער סאָלדאַט לאָזט זיך צום הויז צו מיט אַ פאַקל אין האַנט.

די סאָלדאַטן בלייבן ווי דערשמעטערט. שווידערהאַפט איז דער קרבן.

נאָר דער קיניג וויל אויסשפּרייטן זיין הערשאַפט און באַרייכערן זיין פאַרמעגן און די גיטער פון זיינע אונטערטאַנען, און מען מוז גיין אין מלחמה.

* * *

ווען דער סאָלדאַט קומט נעענטער צום הויז צו, דערטראָגט זיך צו אים אַ קול פון אַ פרוי, וואָס פאַרגייט זיך פאַר פרייד:

— ס'איז מיין פעדראָ! ס'איז מיין זון! ער קומט ראַטעווען אונדז!

די מוטער דעם סאָלדאַטס האָט אים דערקאָנט.

ס'האָבן אים אויך דערקאָנט די ברידערלעך און שוועסטערלעך זיינע, און זיי רופן:

— פעדראָ! פעדראָ! קום אַרויף און הער אויס וואָס די שלעכטע מענטשן האָבן געוואָלט מיט אונדז טאָן.

דער סאָלדאַט, וואָס גייט אַ וויינענדיקער, ווישט זיך די טרערן אויס מיט דער אויבערפלאַך פון האַנט, האַלט איין זיין שלוכצן, הויבט זיין בליק אויף צו דער מוטער זיינער און צו זיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך, און מיט אַ ביטערן שמייכל אויף די ליפּן לייגט ער צו דעם ברענענדיקן פאַקל צו איינעם פון די פּולווער־קאַנאַלן.

* * *

דער קראַך פונם מעכטיקן אויפרייס פאַרטויבט די גרוילנדיקע גוואַלדן. אַ וואָלקן פון שטויב און פון רויך פאַרשטעלט דעם שיין פון

דער זון. ס'פּליען ברוכשטיקער טויזנטער, און צווישן זיי, די צו־פּיצלטע גופים פון אומגליקלעכע טויזנט נפשות.

דער קיניג, אין פראנט פון זיין חייל, קוקט אָן די שווידערלעכע סצענע.

נעבן זיין פערד איז געפאלן א קערפּער — דער קערפּער פונם סאָלדאַט. די קראַפט פונם אופרייס האָט אים פארוואָרפן אהינצו.

עס דערקענט אים דער קיניג.

— טוט אָן דעם טויטן — זאָגט ער — די העכסטע ערן־אויסצייכנונג פון מיין אימפעריע. ס'זאָל די לופט פארהילכן דער שענסטער פון אלע הימנען. און אפן קבר פון דעם סאלדאט א צייכן לאָזט איבער, ס'זאָל געשטעלט ווערן אַף אים א פּרעכטיקער מאַוזאָליי.

* * *

דער קבר איז שוין פארטיק. ס'פעלט נאָר אפן מאַוול דער אויפשריפט.

— הערשער, קריגער בארימטער! — פרעגט דער קינסטלער דעם קיניג: — וואס־זשע שטעל איך אַף דעראזיקער מצבה: „דאָ ליגט א העלד" אָדער „א מערדער ליגט דאָ"?

— ווארט אויס: ביז איך שטארב נישט און מיין שטאם גייט נישט אונטער, טאָר מען אַף דעם קבר דעם אמת נישט שטעלן.

דער זעלבסטמערדער

האר און געביטער צו זיין איבער אלעמענס לעבן קאָן איך דער־גרייכן, און איך זאל עס נישט זיין פון מיין אייגענעם לעבן? דארט וואו לעבן איז קיין רעכט נישט, דארט קאָן זעלבסטמאָרד אויס־זען צו זיין עס.

* * *

— יונגערמאן, כ׳ווייס דיינע כוונות. ווארף אוועק ס׳געווער, וואס דו האלסט. ווערסט באגיין זעלבסטמאָרד!... ס׳האט דיר גאָט דאָס לעבן געגעבן, און גאָט אליין נאָר קאָן בא דיר עס אוועקנע־מען צוריק. עס באַלעסטיקן דיך שטערונגען אָן שיר? קעמפן קענן זיי איז דיין חוב. קעמף און לעב. נאָכן היינט קומט דער מאָרגן, אזוי ווי דער היינט איז נאָכן נעכטן געקומען. לעב: איך באפויל עס דיר.

— ווי! דו רעדסט צו מיר פון קאמף, און שניידסט מיר אפ אלע וועגן? דו רעדסט צו מיר פון קאמף, און האלסט געבונדן מיך, אז איך זאָל מיין לעבן נישט קאָנען באשיצן? בינד־אויף מיך, מאך זיכער מיין רעכט אפן לעבן, אָדער אין הונדערט שטיקער צוריים די געזעצביכער דיינע. קעמפן! דאס איז נישט קיין קליינער הוזק! גיבסט איבער מיין לעבן אין די הענט פון איעדן, און נאָר פון מיי־נע ווילסטו עס ארויסרייסן. גאָט האט מיר דאס לעבן געגעבן... זאל זיין: איז פארוואָס־זשע, טיראן, שעצסט דו עס נישט בא מיר? דיינע ריכטער מישפעטן און טויטן, נאָך די השגות פון יעדער צייט.

פאר דאס, וואס געטויט האסטו האסטו נעכטן, טויטסט דו שוין היינט נישט; אָבער קערט ווער צוריק אום די פארלוירענע לעבנס? נישט נאָר, ווען כ'בין עובר אַף א קאפריז פון די געזעצגעבער דיינע, גיב־סטו איבער מיין לעבן אפן איינזען פון דיינע תלינים: נאָר דיינע סאלדאטן קאָנען שטענדיק אומבאשטראפט עם אוועקרויבן בא מיר, דאָ אין צייט פון מלחמה, דאָ אין צייטן פון אויפשטאנד. ווער בעט בא זיי חשבון פאר דער קויל, וואָס זיי שיסן אַף בלינד? זיי מאָרדן אוים אין צייטן פון אומרו ווערמען זיי גלוסט זיך, און אין צייטן נאָר־מאלע, איז בא זיי רעכט צו דערמאָרדן דעם אָרעמען טויבן, צו ווע־מען עס גרייכט נישט זייער „האלט!".

דו באשטראָפסט אין די געזעצביכער דיינע דעם מענטשן, וואָס טויט מיך: אפילו דעם, וואס פארוואונדעט מיך. נאָר, כדי דו זאלסט אים באשטראָפן, מוז ער מיך טויטן אָדער פארוואונדן מיט א קינ־זשאל צי מיט גיפט, מיט פולווער צי מיטן פויסט. און דיינע יחסנים — עך! — זיי טויטן אוועק מיך מיט גאָר אנדערע מיטלען, וואָס עס האָט זיי נישט פארויסגעזען דיין געזעצבוך. ווארום דו ביסט דאָך זייער שותף!

כ'האב געזען ווי די ליבלינגען דיינע, אז זיי נעמען זיך שוין צו עפעס, קלייבן זיי אויסעט אן ארבעט, וואס איז זיי נאָענט צום הארצן. איך האב נישט אזא מזל, כ'האב אויסגעפרואווט שוין פאר־שידענע מלאכות, די מיינסטע אין קעגנזאץ צו מיינע נויגונגען און פעאיקייט מיינע, און נישט מיט איינער פון זיי איז מיר געלונגען צו זען מיך געזיכערט מיט ברויט. נישט עס בלייבט מיר דער תירוץ אפילו, צו זאגן, אז איך בין א פוילנצער, אדער א נאָר. און אויב איך בין עס אפילו, בין איך דען אין דעם שולדיק? און אגב: איז צווישן די, וואס לעבן בא דיין זייט אין עושר און אין כבוד, נישטאָ קיין פוילנצער און קיינע נאראָנים, אזוי ווי איך קאָן עס זיין?

אפילו דאס רעכט צו לעבן האט איר אפגעזאגט מיר, דו און דיינע פאוואָריטן.

זיי קאָנען נישט טויטן מיך, דיינע פאוואָריטן, אזוי ווי די געזעצביכער דיינע, נאָר זיי האלטן פאר מיר זייערע טירן געשלאָסן. דורך דערנידערונג טויטן זיי אָפּ מיין גייסט, דורך פארוואָרלאָזטקייט — מיין גוף. איך בין, באמת, נישט מער ווי א שאָטן. פאר מיר איז נישטאָ קיין פלאַץ בא זייער טיש: דאס ברויט, וואס בלייבט זיי אויבן, האלטן זיי פארשלאָסן אין שפייכלערס; דאס געלט, וואָס איז זיי איבעריק — אין זייערע קאסעס. און בארימען זיך נאָך, אז זיי פּראַקטיצירן די טוגנט פון שפּאָרזאמקייט און אז זיי זיינען ארנטלעכע מענטשן! זיצן צופרידענע און פרעסן און זויפן, בשעת די עלנטע רויבן און מאָרדן, אָדער ווערן דערמאָרדעט אפן שוועל פון זייערע פאלאצן. צו וואס זאלן זיי זיך באנוצן מיט מעסער און גיפט, מיט פולווער און פויסט?

האר און געביטער צו זיין איבער אלעמנס לעבן קאָן איך דורך א קאפריז פונם שיקזאל דערגרייכן, און איך זאל עס נישט זיין פון מיין אייגענעם לעבן? דאָרט וואו לעבן איז קיין רעכט נישט, דאָרט קאָן זעלבסטמאָרד אויסזען צו זיין עס. כ'בין מוחל די שאָען פון פרייד, פאר די ביטערע שאָען וואס בלייבן מיר איבער.

* * *

אזוי האט געענטפערט דער יונג, און מיטן מעסער, וואס ער האָט געהאלטן, האָט ער דורכגעשטאָכן זיך דאס הארץ.

די גנעוואַלט און די מאַכט

זאָג נישט, אַז איך בין אַ חצוף: גיב מיר דיין אָרעם :איך בין דיין חבר, פון וועלכן דו קאָנסט זיך נישט שיידן.

* * *

אַ מענטש אַן אויסגעשמירטער אין טרערן און בלוט, מיט אַ האַק אין דער האַנט, איז אין זאַל פונם פּאַלאַץ אריין, אריינגע־שטעקט די האַק אין אַ שטאַפּל פון טראָן און זיך אוועקגעזעצט בײַ דער זייט פונם קיניג.

— לומפּ! — האָט דער מאָנאַרך זיך צובייזערט, — ווי וואַגס־טו צו זיין אַזוי פרעך? ווייסטו דען נישט ווער איך בין? דו קומסט אין בלוט אויסגעשמירט. האָסט ערגעץ אַ פאַרברעכן באַגאַנגען.

— כ'ווייס ווער דו ביסט, — האָט געענטפערט דער לומפּ, — און אויך ווייס איך, אַז דו האָסט עס מיר צו פאַרדאַנקען. איך אָן דיר וואָלט געקאָנט לעבן: דו אָן מיר — ניט. מיינע פאַר־ברעכנס זיינען דיינע. דאָס בלוט, וואָס באַפלעקט מיך, האָט דיך פריער באַפלעקט.

— ווער ביסטו?

— איך בין די געוואַלט, איך בין דער הענקער.

— כ'וויל דיך נישט האָבן נעבן מיר. דיין שליחות פיר אויס דאָרטן, וואו דער בלוט־ריח פון דיינע קרבנות זאָל נישט פאַרוואונדן מיין אָטעם.

— דיין טראַן איז אזוי מיינער, ווי דיינער: איך גיי נישט אוועק.

— כ׳וויל אפשאפן טויט־שטראָף אין מיינע מדינות.

— מאַכט נישט. ווערסט דו מיך טרעפן בא דער זייט פון דיי־נע סאלדאטן. ווערסט אפשר זיך אפהאלטן און נישט היישן זיי שיסן אפן פאלק, ווען עס וועט אין דיין פאלאץ אריין, פון טראָן דיך צו שטירצן?

— כ׳וועל באפוילן צו נעמען געפאנגען די מורדים, נאָר זיי־ער לעבן צו שוינען.

— איז וואס? איך וועל אלץ דער אייגענער בלייבן. איך וועל זיין דער, וואס וועט זיי הענט און פיס אין קייטן איינשמידן; איך וועל זיין דער, וואס וועט זיי אין תפיסות איינשפארן און זיי דורך די גראטעס באוואכן; איך וועל זיין דער, וואס וועט זיי זייער שפייז־פּאָרציע דערלאנגען און צוקוקען ווי זיי שטאַרבן דאן לאנגזאם אוועק, מיט א פלוך פאר אונדז ביידן, פונקט ווי זיי שטאַרבן אוועק איצטער, נאָר א ביסעלע שנעלער.

— כ׳וועל די תפיסות אָפּשאפן, אבי כ׳זאָל דיך נישט אָנקוקן.

— רייד נישט פון וועג. כאַפּ נאָר א קוק פון באלקאָן אף דעם אופשטייענדיקן פאָלק: דערספּאַט רופט דיך דאָס פאָלק און פאַ־דערט דיין קאָפּ.

— ביזט געדעכט, מיין פריינט. כאַטש דו ביזט אין בלוט און טרערן אויסגעשמירט, גיב מיר דיין אָרעם.

— האב איך עס נישט געזאגט דיר? דו טארסט מיך נישט באטראכטן ווי א חצוף, א לומפּ. איך בין דיין חבר, פון וועלכן דו קאָנסט זיך נישט שיידן.

די צוואה

מענטש, האסט אזוי ליב דעם שענדלעכסטן פון אלע רעכטן, אז ווען דו קאָנסט אים נישט מיט ווירקלעכקייטן שיצן, זוכסטו צו דערהאלטן אים מיט א שאָטן פון דיין שאָטן. וואס טויג דיר צו באלעמען מיט דעם אויספיר פון י״ ווילן, וואס ער געהערט שוין צו דיר נישט? א ווילן וואס איז געווען און א ווילן וואס ער איז שוין דאס נישט מער, איז דאס נישט אלציינס דען?

מיט גרויסער אָנשטריינגונג האָט, ליגנדיק אַפן בעט, דער אל־טער זיין לעצטן ווילן דיקטירט, און צווישן קינדער און קרובים האט ער פארמעגנס אויסגעטיילט — פארמעגנס, וואס זיינען שוין נישט זיינע געווען, ווייל אָפגענומען בא אים זייער גענוס־רעכט האָט דער אלערהעכסטער אומפארמיידלעכער געזעץ. ער האט זיין ווילן דיקטירט, און דער ווילן איז שוין אויך נישט זיינער געווען. ער האט נאָכגעגעבן דעם דרוק פון א פאקט א פאטאלן, און איבער די אבערגלויבנס פון זיין לעבן לאנג, האט נאָך מער דער טויט אים פון זיין פרייהייט בארויבט. ווען ער זאָל אויסדריקן זיך ריכטיק, וואלט ער נישט געקאָנט זאגן: א י ך ג י ב , נאָר: א י ך ל אָ ז א י ב ע ר .

אלמנה, קינדער און משפחה, הערן אוים גיריק די לאנגזאם צוצויגענע ווערטער דעם אלטנס, און די גייציקייט זייערע האט דעם צער אין זיי אפגעטויט: זיי האבן ד ע ר ו ו ע ר ב ן געזאלט,

און דאָס געזעצלעכע שפּיל האָט אַ באַשייניקונג געזאָלט זײַן פאַר זייערע ניי־דערוואָרבענע רעכטן.

בײַ יעדן נײַעם נאָמען, בײַ יעדער נײַער זאַך, האָט דעם אָנ־גערופענעם אַ פרייד־ציטער דורכגענומען. ס'איז אָנגענעם תמיד עט־וואָס אומזיסט צו דערווערבן, ווײַל דערווערבן אומזיסט איז אַ געוואָלט־זאַך, און די געוואָלט האָט זיך שטאַרק באַליבט געמאַכט בײַ די מענטשן.

ווען אין יענער רגע וואָלט צוריקגעקומען צום פולן לעבן דער אַלטער: וואָס פאַר אַ פאַרדריסלעכע איבעראַשונג וואָלט עס געוועזן! זײַן געזונט־ווערן וואָלט געווען דער העראָלד פון טויזנט פאַרבאָר־גענע טרויערס.

באַהאַלטנדיק דעם איניקסטן ציטער, האָט יעדערער אַ טריבן פּנים געוויזן. נישט דעם אַלטנס סוף, וואָס האָט זיך וואָס אַמאָל אַלץ דערנעענט, האָט עס אַזוי באַטריבט די געמיטער: נאָר דאָס, וואָס יעדערער האָט געוואויגן־פאַרגלייכט דעם סכום פון דער ירושה, וואָס ער וועט באַקומען.

גופא איבערן בעט פונם גוסס האָבן זיך דורכגעקרייצט פונקען פון האס און פון קנאה.

דער ברודער האָט דערמאָנט זיך אין די טובות, וואָס ער האָט דעם ברודער געטאָן, די מוטער — אין דער מתנה וואָס זי האָט דער טאָכטער געמאַכט, דער זון — אַז די מוטער האָט קיין נדן גע־בראַכט. דער פרײַנט האָט די טובות זיינע, מיט די טובות פון פרײַנט געמאָסטן, און דער דינער האָט אין אַ ווינקל אויף די פינ־גער געציילט די חדשים, וואָס ער האָט אויסשטיין געמוזט דעם חולהס קאַפּריזן.

אינם מח פון די באַגינסטיקטע האָבן זיך טויזנטער זאָרגן בײַ־זעצט, און די מײַנסטע פון זיי האָבן מיט די אויגן געצערטלט דאָס מעבל־שטיק, וואָס איז זיי געוואָרן פאַרשפּראָכן, האַבנדיק מורא,

אז פון דעמאָלט־אָן ביזן באַקומען, זאָל עס עטוואָס נישט ווערן צושע־דיקט.

געווען איז דאָרט איבעריק איינער: דער גוסס.

און אין דער העכסטער שעה, ווען די אוועקגייענדיקע הערן און זעען נישט מער, ווי דעם שיין פון נשמות און די קולות פון גע־וויסנס, האָט געפילט דער גוסס, ווי אינווייניק בא די, וואָס האָבן באַוויינט אים, איז געוואָרן אַ שטורעם, און געזען האָט ער די בליצן און געהערט האָט ער די דונערן פון האַס און פון קנאה.

און דאָרט, באַם לעצטן ראַנד פון לעבן, שוין געמענדיק זיך־קען אין אפגרונט פון טויט, האָט ער אַ שטים דערהערט, וואָס האָט ווי אַ קללה, געשריגן צו אים:

— מענטש, האָסט אַזוי ליב דעם שענדלעכסטן פון אַלע רעכטן, אַז ווען דו קאָנסט אים נישט מיט ווירקלעכקייטן שיצן, זוכסטו צו דערהאַלטן אים מיט אַ שאָטן פון דיין שאָטן. וואָס טויג דיר צו באַלעמען מיט דעם אויספיר פון אַ ווילן, וואָס ער געהערט שוין צו דיר נישט? אַ ווילן וואָס איז געווען און אַ ווילן וואָס ער איז שוין דאָס נישט מער, איז דאָס נישט אַלציינס דען?

טאַלאַנט

עס קאָן נישט דער טאַלאַנט זיין אַ געשייַנקטע מתנה דעם מענטש קעגן מענטשן, נאָר אַ גאָב פון דער נאַטור, מיט וואָס איינ־קע מענטשן מאַכט זי נוצלעכער פון אַנדערע. וואו איז דאָס רעכט פון דעמיעניקן, וואָס באַזיצט אים, צו אַפּזאָגן זיין נוצן וועמען ניט איז? ווער איז דער רשע, וואָס האָט געוואָגט אַ פרייז אים צו שטעלן?

* * *

באַם וויגעלע פונם קראַנקן קינד זיצט די מאַמע, און שטראָ־מען טרערן פליסן פון אירע אויגן.

דאָס קינד שלאָפט; ס׳שלאָפט דעם שווערן פיבער־שלאָף, — אַ פיבער, וואָס פאַרצערט עס פון רגע צו רגע. אַ פאַרטייעטער כריפּ שטראָמט פון דעם האַלז, פון וועלכן עס האָבן אין די מער גליקלעכע טעג געלעכטערס און געזאַנגען געשטראָמט.

ס׳שלאָפט דאָס קינד; נאָר זיין שלאָף איז אַזאַ, פון וועלכן מען שטייט שוין נישט אויף; אַ מין שלאָף, וואָס וויי־ניקער ווי אַן אַנ־דערער דערמאָנט ער אין רואיקן טויט, אפשר דערפאַר טאַקע, ווייל ער איז שוין נאָענט פון אים.

משוגע פון פאַרצווייפלונג, קוקט זיך די מוטער אַף די ארומיקע נישט אום: פריינט, קרובים, מיטפילנדיקע שכנים.

אויסגעשעפט זיינען אלע מיטלען.

דער באַשיידענער דאָקטער פונם קווארטאַל האָט זיך אָפּגע־זעגנט, ווי מען געזעגנט זיך אַף נישט אומצוקערן זיך מער: נישט ער

האָט זיך דערמאָנט אפילו צו הייסן באַנייען די לעצטע מעדיציַן, אָדער עפּעס אַנדערש פאַרשרייבן.

אפן האַלז פונם קינד האָט דער טויט שוין זײַנע פינגער גע־לייגט. ס'פעלט נאָר, ער זאָל נאָך איין דריק טאָן, דעם לעצטן.

* * *

פלוצלונג קלינגט אוים אַ נאָמען. איז ער פון זיך אַליין אפן געדאַנק געקומען דער באַטריבטער מוטער? האָט איר אים אין אויער אַרײַנגעשושקעט אימיצער פון די דערבייאיקע?

ס'איז דער נאָמען פונם באַרימטן וויסנשאַפטסמאַן, פון דעם טאַלאַנט, וואָס האָט צו זיך נישט קיין גלייכן; פון דעם דאָקטער, וואָס ער איז דער איינציקער אין פאַך, וואָס אַלע חולאתן היילט ער מיט דערפאָלג, וואָס נעכטן גופא האָט ער געראַטעוועט דאָס לעבן פון איינעם אַ פּרינץ, וואָס איז אין זײַן גאָלדן וויגעלע באַדראָעט געווען פונם אכזר, דעם טויט.

מער נאָך ווי פריער וויינט די מוטער. דער פּראָפעסאָר איז זייער אַ טײַערער. קיין צירונג, קיין געלט, נישט קיין מעבל איז שוין געבליבן אין אָט דעם אָרעמען ווינקעלע. נאָר וואָס מאַכט עס אויס? דאָס לעבן איז בילכער פון אַלץ. מער ווי קיינעם, איז עס דעם דאָקטער, דעם וויסנשאַפטסמאַן, נישט דערלויבט אָוועקצוּוואַרפן.

די מוטער באַפעלט אַלעמען, באַפעלט שטרייַנג, צו ברייַנגען דעם באַרימטן דאָקטער, ברייַנגען אים ביז צו דעם בעטעלע, צו דעם קינד, וואָס אָט שטאַרבט עס אַוועק.

דער מער געוואַגטער פאָלגט, און לאָזט זיך לויפן צום דאָקטער'ס פּאַלאַץ: נאָר, אַז ער קומט אַהינצו, פאַרשטעלן אים די דינער דעם וועג.

דער דאָקטער נעמט נישט אוף אין דער שעה. דער שליח פון דער מוטער בעט רחמים, בייזערט זיך, דראָעט: איז דען פאַראַן אַזאַ

שעה, ווען מ'מעג לאָזן אימיצן שטאַרבן, קענענדיק ראַטעווען אים, באַזיצנדיק דעם סוד פון לעבן?

די דינער פרעגן זיך נאָך, פון וועלכן קיניג איז ער געשיקט דערדאָזיקער מענטש, וואָס שרייט אַזוי און פאָדערט, און ווען זיי דערוויסן זיך, אַז פון ערגעץ אַ בווידעמשטיבל קומט ער, קוקן זיי אים אָן מיט פאַראַכטונג, און ווערן בייז: דער דאָקטער באַדינט אויך איינעם פון די שפּיטאָלן. דאָרט, אַפן קערפּער פונם אָרעמען חולה, מאַכט ער זיינע פּרואוון, כדי אויסצולערנען זיך ראַטעווען דעם רייכן חולה. אַהין האָט ער געזאָלט נעמען דאָס קינד! דער באַרימטער פּראָפעסאָר, וואָס איז תמיד פאַרנומען מיט זיינע קיניגלעכע און פּריוויגיביקע קליענטן, קען קיין צייט נישט פאַרלירן אַף שלעפּן זיך איבער די בווידעם שטיבלעך.

דער שליח, אַ דערשלאָגענער, קערט זיך אין הויז אום פון דער מוטער. פריער האָט די מוטער געטאַינעט און געוויינט: איצטער, וויינט זי נאָר, נישט מער.

דאָס קינד וואַרפט זיך אין לעצטן גסיסה־קראַמף.

אַז דער שליח דערציילט דעם רעזולטאַט פון זיין שליחות, כאַפּט די מוטער אַרום דעם קאַלטן קערפּערל פונם קינד, און פלוכט דעם ביטערן מזל אירן און דעם דלות; אויסער זיך, לייקנט זי אין דעם וויסנשאַפטסמאַן און אין דער וויסנשאַפט, און אַן אופגעקאָכטע שרייט זי אויס:

דאָס הייסט, אַז דער טאַלאַנט קאָן באַווייזן דעם גרויזאַמען וואונדער צו מאַכן אפילו דעם טויט אומגערעכטיק? עס טאָר נישט דער טאַלאַנט זיין אַ געשיינקטע מתנה דעם מענטש קעגן מענטשן, נאָר אַ גאָב, מיט וואָס די נאַטור מאַכט אייניקע מענטשן נוצלעכער פון אַנדערע. וואו איז דאָס רעכט פון דעמיעניקן וואָס באַזיצט אים, צו אָפּזאָגן זיין נוצן פאַר וועמען נישט איז? ווער איז דער רשע, וואָס האָט געוואַגט אַ פּרייז אים צו שטעלן?

די אומגעזעצלעכע

שמידער, וואָס שמידסטו ?

— כ'שמיד אַ מעסער אויס, דורכצושטעכן מיט אים דאָס האַרץ פֿון מײַן ברודער. ווײַבאַלד סײַ־ווי לײַד איך אומבאַרעכטיקט, ווײַל איך לײַדן און ווײסן פֿאַרוואָס. זאָלן מיך אײגענע פֿאַרברעכנס מאַכן פֿאַרגעסן אין די פֿרעמדע, פֿאַר וועלכע מען שטראָפֿט מיך.

אַזוי האָט געזונגען דער שמידער, און געקאָוועט דעם מעסער.

* * *

— ווײַל ער וויל נישט, אַז דו זאָלסט פֿאַלן צו לאַסט אים, וועסטו דעריבער דאָס האַרץ פֿון דײַן ברודער דורכשטעכן? צו אים געהערט אַלץ, וואָס עס האָט איבערגעלאָזט זײַן פֿאָטער. ער איז זײַן אײנציקער יורש, זײַנער איז זײַן נאָמען, זײַנער — זײַן פֿאַרמעגן.

— אײן פֿאָטער האָט אונדז בײדן באַשאַפֿן. אונטערן שוץ פֿון זײַן פֿאָטערשאַפֿט לעבט און געדײַעט מײַן ברודער, און אָט די אײגענע פֿאָטערשאַפֿט איז פֿאַר מיר גאָר אַ שאַנדפֿלעק. ווי קאָן עס אײנע און די זעלבע סיבה אַזוי קעגנזעצלעך ווירקן?

— דו ביזט דער נישט געזעצלעכער זון; ער איז דער געזעצלעכער. ער איז אויף דער וועלט געקומען פֿון אַ געזעצמעסיקער הײַראַט; דו, קומסט מיט אַ פֿלעק פֿון דײַן וויגל אַרויס. דאָס געזעץ איז נישט גלײַך פֿאַר אײַך בײדן.

— אומגערעכטער געזעץ! מיט וואָס האָב איך מער פֿון אים

זיך באַטייליקט אינם פּאַקט פון אונדזער געבוירן? וואָס פאַר אַ שולד האָב איך אינם פעלער, וואָס נישט איך בין באַגאַנגען? מיין פאָטער האָט זיך פאַרשולדיקט? געזאָלט אים באַשטראָפן. און אַז ער האָט געזינדיקט, איז ער סוף־כּל־סוף דער פאָטער פון אונדז ביידן. און אויב די וואָס קומען, דאַרפן צאָלן פאַר יענע, וואָס גייען אַוועק, אויב עס מוז דערביי אָנגעווענדט ווערן אַן אומזיניקער געזעץ פון ירושה, פאַרוואָס־זשע באַפרייט מען פון דעם דאָזיקן געזעץ מיין ברודער, און זיין גאַנצע משא ליינגט מען אויף מיר נאָר אַרויף?

— ער איז די פרוכט פון אַ בונד אַ געבענטשטן; דו — די פרוכט פון אַ פאַרברעכן.

— איינער און דערזעלביקער פרעמדער ווילן האָט אויף דער וועלט אונדז ביידן געבראַכט. צי אָט דער ווילן האָט מער אָדער ווייניקער צוגעפּאַסט זיך צום געזעץ: אונדז, וואָס פאַר אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט קאָן דאָ געהערן? אַזוי פיל בין איך שולדיק, וואָס איך בין די פרוכט פון פאַרברעכן, ווי ער, וואָס ער איז די פרוכט פון אַ טאַט אַ געבענטשטער. דאָס אומרעכט פון געזעץ מאַכט גרעסער נאָך דעם פאַרברעך; בעסערט אים נישט אויסעט. לאָמיר אָפּמעקן דאָס אומרעכט צוזאַמען מיט יענעם פאַרברעכן.

— מען האָט באַליידיקט זיין מוטער, די געזעצלעכע פרוי.

— איז דען מיינע ווינציקער געוואָרן באַליידיקט? אויב ס'איז פאַרשוועכט געוואָרן דאָס בעט פון זיינער, זע, אויב דאָס בעט פון מיין מוטער איז געוואָרן ווינציקער פאַרשוועכט, אַז מען האָט אירע פרוכט אפילו פאַרשאָלטן.

— דיין ברודער האַנדלט נאָכן געזעץ נאָך.

— נאָר נישט נאָכן שכל און דער גערעכטיקייט נאָך. לאָמיר אָפּווישן די אומגערעכטיקייט און דעם פאַרברעכן, וויבאַלד מיר זיינען פאַר די ביידע זאַכן נישט פאַראַנטוואָרטלעך. צוטייל צווישן מיר און אים זיין פאַרמעגן. לאָמיר אומאַרמען זיך און לעבן צוזאַ־

מען. אלע מענטשן זיינען ברידער, זאָלן מיר, מיט אזא נאָענטער פאַרוואַנדשאַפט ווייניקער זיין?

— דער אומגעזעצלעכער זון מיטן געזעצלעכן צוזאמען! וואָס פאַר אַ שאַנד!

— אויב אזוי, וויבאַלד ער פאַראייגנט פרעמדע אומגערעכטיקייט, וויל איך אים נאָכטאָן, און זיך פעסטהאַלטן אינם פרעמדן פאַרברעכן. מיינער וועט זיין דער, וואָס איך וועל איצטער באַגיין.

* * *

און דער שמידער האָט ווייטער געשמידט, געשמידט און געזונגען:

— שמידער, וואָס שמידסט דו?

— כ'שמיד אַ מעסער אויס, דורכצושטעכן מיט אים דאָס האַרץ פון מיין ברודער. וויבאַלד סיי־ווי לייד איך אומבאַרעכטיקט, וויל איךליידן און וויסן פאַרוואָס. זאָלן מיך אייגענע פאַרברעכנס מאַכן פאַרגעסן אין די פרעמדע, פאַר וועלכע מען שטראָפט מיך.

דאָס געשלעג

וואָס פאר א גוטס קאָנט איר דערוואַרטן פון הארץ פונם מאַן,
אַז האָס און נישט מער פאַרזייט איר אין הארצן פונם קינד?

* * *

ס'האלט שוין בא פארגיין דער טאָג, און בעת פון דער פיין געבויטער שול שיטן זיך לוסטיק און שטיפעריש ארויס, ווי די פויגעלעך, וואָס מען עפנט זיי דאָס שטייגעלע אוף, אינגעלעך א הונדערט, — גייען פון דער שכנישער גרויסער פאבריק ארויס הונדערטער אַנדערע — טרויעריק, פארמאַטערט און שמוציק.

עס האָבן די ערשטע פארבראַכט דעם פארנאַכט אונטער דער מילדער דיסציפלין פונם לערער; די אַנדערע—אונטער דער שטרייַנגער און הארטער, פונם אויפזעער. די ערשטע, זיי האָבן געהאַט גענוג צייט צו שטיפן און לאכן, צייכנען דעם סילועט פונם לערער אין גלחישן מיצל, און זיך ווארפן מיט באָלן, צוזאמענגעקנוילטע פון אומנוצלעך פאפיר; די אַנדערע, זיי האָבן פארבראַכט דעם פארנאַכט, אויסשלאָגנדיק זיך פון די כחות בא מאשינען, וואָס באַוועגן הונדערטער רעדער מיט א מאָנאָטאָנעם, באַטויבנדיקן גערויש. עס קערן זיך אהיים אום די ערשטע מיט זייער נשמה־אוצר באַרייכערט; דערשלאָגן אין גייסט און אין קערפער קערן די אַנדערע אום זיך אהיים. אַף די ערשטע ווארט אין דער היים א נאַכטמאָל א זאַטער, א גַעלעגער א ווייכער, צערטלעכקייטן זיסע; א מאַגערע וועטשערע, א הארטער געלעגער, ווארט אַף די אַנדערע; זייער מאַמע, וואָס פונקט ווי זיי, איז זי מיד פון דער ארבייט, וועט אייַנ־

שלאָפֿן און נישט האָבן קיין צייט צו טון זיי אַ גלעט. די ערשטע גייען באַגלייט פֿון זייערע הויזלייט און דינער, ארום וועלכע זיי שפּרינגען ווי הינטעלעך יונגע, ווען זיי דערזעען זייער ליבלעכן וועכטער; איינזאַמע גייען די אַנדערע, איינזאַם און מער נאָך ווי תמיד פֿאַראומערט, ווארום עס גייט זיי פֿון קאָפּ נישט ארויס זייער חבר, וואָס איז אין יענעם פֿאַרנאַכט, באַם סוף שוין פֿון דער אַרבעט, געוואָרן צעפּיצלט אונטערן ראָד פֿון מאַשין.

קוקן די פֿאַרשמייעטע קינדער, די גליקלעכע, אַף די אומגליקלעכע מיט פֿאַראַכטונג: די אומגליקלעכע — מיט פֿאַרדרוס אַף די גליקלעכע קינדער. זיי האַסן נישט איינע די אַנדערע, נאָר אַן אומגעזונטער אינסטינקט זאָגט זיי אונטער, אַז זיי דאַרפֿן זיך האַסן.

ס'האָט אימיצער צווישן איינע און די אַנדערע אַ תהום אויסגעגראָבן. איינע און די אַנדערע ווייסן, אַז זיי זיינען צווישן זיך נישט קיין גלייכן, כאָטש פֿאַרוואָס — דאָס ווייסן זיי נישט.

ליב האָבן די גליקלעכע דאָס לעבן, און צו דעם נאָך, זיינען זיי מער געוואוינט דעם שכל צו איבן, איידער די כחות: מוזן זיי זיין פּחדנים.

שטענדיקע סכּנות האָבן די אומגליקלעכע פֿאַרוואוינט, זיך פֿאַרן טויט נישט צו שרעקן, און צוליב זייער אַרבעט, זיינען זיי מער געוואוינט די כחות צו איבן, איידער דעם שכל: זיי מוזן זיין געוואַגטע.

* * *

— וואָס פֿאַר אַ שטים אַ געהיימע זאָגט עס אונטער דעם אָרעמען מענטשן, אַז זיין שוויים איז דאָס, וואָס דער רייכער געניסט, אַז געהערן, געהערט עס אויך צו אים? וואָס פֿאַר אַ שטים אַ געהיימע זאָגט נאָך פֿון קינדוויייז־אָן אים אונטער, אַז עפּעס אַן אומרעכט, וואָס האָט נישט קיין נאָמען, ליגט אינם וואוילזיין אין

פרעמדנס?

און אפשר פארביימן מיר דאָס מיט גערעכטיקייט עכטער די געקינסטלטע געפילן פון רעכט, וואָס מנהגים און געוואוינהייטן אַלטע האָבן געשאַפן אין אונדז.

פארוואָס, שוין באַלד פון געבוירן, האָבן איינע דאָס רעכט אַף גליק און אַנדערע בלויז נאָר אַף אומגליק?

פארוואָס זיינען מענטשן אין זייער מאַמעס בויך שוין, אָן זייער שולד, צווישן זיך נישט קיין גלייכן?

* * *

— נוצט אויס דאָס איינציקע, אין וואָס איר שטייגט זיי אריבער — שרייט צו די אומגליקלעכע זייער פאַרדרוס.

קאָן דען די אומגערעכטיקייט געבן פרוכטן גערעכטע?

דער ווייניקער מידער פון זיי בויגט זיך איינעט, הויבט אַ שטיין אוף און, צילנדיק גלייך, טוט ער אַ וואָרף אים מיט צאָרן אַף די טווינגעניכצן, אַף די הארעלעך.

שטראָמט דאָך פאָרט אָבער יונג בלוט אין די אָדערן פון די און פון יענע, און עס ווערט אָפּגעענטפערט דער שטיין מיט אַן אַנדער שטיין; און נישט די אופזעער, נישט די פריינט און נישט די דינער, קאָנען שוין אָפּהאַלטן זיי. עס ווערט אַן אַלגעמיינער געשלעג.

פון איינעם און דעם אַנדערען לאָגער צולויפען זיך די שוואַכע; נאָר די מער היציקע און שטאַרקערע, זיי שלאָגן זיך ווי העלדן, און שטיינער נאָך שטיינער קרייצן זיך אינדערלופטן.

נאָר אָט קומט אָן אַ וועכטער, און עס נעמט אַ סוף צום געשלעג. אים נאָר דערזען, צולויפן זיך די קריגער; נאָר יענע נאַכט האָבן די מאַמעס פון די און פון יענע צו היילן געהאַט וואונדן און

ביילן אָן שיר; און בעת די מאַמע פון איינעם פון די גליקלעכע באַנדאַזשירט דעם קאָפּ פון איר קינד, און דערביי פּלוכט זי די גאַסניונגען די נישט דערצויגענע, לייגט קאָמפּרעסן צו די וואונדן פון אירן די מאַמע פון איינעם פון די אומגליקלעכע, און טאַינעט דערביי:

— וואָס פאַר אַ גוטס קאָנט איר דערוואַרטן פון האַרץ פונם מאַן, אז האָט און נישט מער פאַרזייט איר אין האַרצן פונם קינד?

אַף שפּאַציר

אַך, דער ווייטסטער וועג איז דער, וואָס פירט אין מענטשנס האַרץ אַריין.

איבערלאָזנדיק מאַשינעריע און אַפּאַראַטן, קאַבלען און באַטערייען, מיט אַ גע‌פיל פון גאוה אַף זיין מאַכט און די דערגרייכונגען זיינע, נעמט אונטער פּ ר אָ ג ר ע ס, באַם סוף פון אַ יאָרהונדערט, אַ לוסטרייזע איבער דער וועלט. ער וויל זיין אייגן ווערק באַוואונדערן. גאַנצע הונדערט יאָר איז ער פון זיין אומגעהויער גרויסער ווערקשטוב נישט אַרויס.

* * *

— ווי גרויס איז מיין ווערק! — רופט ער אויסעט, זיצנדיק אַף אַן אייזנבאַן־מאַשין, וואָס האָט זיך געטראָגן דורך אַ טונעל.

— ווי גרויס איז מיין מאַכט! — רעדט ער אַרויס, לויפנדיק איבער אַ לאַנגע און שלאַנקע בריק.

טראָגט זיך דער צוג איבערן פעלד, און עס ציטערט די ערד אונטער די רעדער זיינע, וואָס צעטרייסלען די לופט און הויבן אויף און פאַרשפּרייטן דעם אַראָמאַט פון די בלומען. פון ביידע זייטן שטרעקן זיך די טעלעגראַף־סלופּעס, ווי מאַגערע ריזן.

— ווי גרויס איז מיין ווערק! — ווידערהאָלט ער, שטאַרק באַגייסטערט.

א מענטש, א מידער און פארשוויצטער, קלעטערט שווער בארג־ארופצו מיט א קלומעק אפן פלייצע.

— וואוהין גייסטו? — טוט ער אים א פרעג.

— איך גיי זען אויב איך וועל נאך פארכאפן דעם לעצטן אטעמצוג פון מיין גויסעסער מוטער.

— שוטה! — שרייט פ ר א ג ר ע ס אויס, — צו וואס האב איך דעם דאמף איינגעפרעסט אין דידאזיקע קעסלען? פארשטייסטו דען נישט, אז גייענדיק צופוס וועסטו מיד ווערן און וועסט אנקומען צו שפעט? אף וואס איז דען אט די אייזנבאן געמאכט?

— עס זאלן איר אויסנוצן יענע, וואס האבן מיט וואס צו באצאלן דעם פרייז פון דער נסיעה.

א פייף פון דער מאשין, און אין איין רגע איז דער מענטש דער אויסגעמאטערטער געבליבן אהינטער, ווייט אהינטער, ביז ער איז אינגאנצן פון אויג פארשוואונדן.

פ ר א ג ר ע ס פארט ווייטער זיין וועג און ער וואגט שוין נישט צו פרעגן גארנישט בא די פיל מענטשן, וואס ער זעט פארבייגיין.

נאר מיטאמאל דערזעט ער אן א שיר מענער און פרויען, וואס ארבעטן אונטער די ברענענדיקע שטראלן פון דער זון בא הונדערטערליי לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטן, און נישט קאנענדיק זיך איינהאלטן, שרייט ער אויס אן אופגעקאכטער:

— משוגעים וואס איר זיינט! — אף דעם האב איך די פראקטישע מאשינען געשאפן, אז איר זאלט אלץ אליין טאן? פארוואס זאלט איר אף זיך נעמען אזוי פיל ארבעט? ווייסט איר דען נישט, אז עס זיינען מאשינען פאראן צו אקערן, צו זייען, צו דרעשן, צו בינדן, צו פרעסן?..

די מחנה יענע פארשטייט אים נישט; נאר דערהערנדיק בלויז

דאָס וואָרט מ א ש י נ ע ן ווערט זי אופגעציטערט און פאר־וואָרפט אים מיט שטיינער.

— דו ווילסט, מיר זאָלן אויסשטאַרבן פאר הונגער? — שרייט זי. — מאַשינען, מאַשינען! כדי מען זאָל א ו נ ד ז נישט באַדאַרפן!

דער באַלעבאָס פונם גוט, וואָס האָט אים פארשטאַנען, וויל אים דערקלערן די זאַך:

— די אלע וואָס דו זעסט דאָ — ברומט ער ארויס, — טראָגן מיר ביליקער אויס ווי מאַשינען.

דער לאָקאָמאָטיוו טוט ווידער אַ פייף, און דאָס פעלד בלייבט אַהינטער, ווייט אַהינטער, ביז עס פארשווינדט פונם אויג.

* * *

לסוף קומט דער פּראָגרעס אָן אין שטאָט. פּראַכטפול באַלויכטן איז זי מיט עלעקטרישע לאָמפּן. פּ ר אָ ג ר ע ס זעט דאָרט עפנט־לעך אויסגעשטעלט זיין גאַנצע שאַפונג. די שווי־פּענצ־טער פינקלען מיט די מערקווירדיקסטע זאכן, וואָס זיינען געוואָרן דערפונדן. די קונסט, די וויסנשאַפט, די אינדוסטריע, דער האנדל, אין זייער פולקאָמסטן אויסדרוק, ווייזן זיך אַף אַלע פּלעצער. עס זעט דאָרט דער רייזנדער, ווי דער מענטש האָט, אויסנוצנדיק זיין לערע, פארשטאַנען צו אָנווענדן זי אַף טויזנטערליי אופנים.

נאָר אין אלע גאַסן זעט ער מענטשן באַוואָפנטע און געקליידט אַף אַ באַזונדערן מאַניר.

— וואָס פאר אַ מין שליחות דערפילט איר? — טוט ער א פרעג זיי.

— מיר היטן די אָרדנונג און מיר מאַכן זיכער דאָס אייגנ־טום. ווען מיר זאָלן נישט זיין דאָ מיט אונדזערע וואָפן, און דאָ

דערבײַ וואָלטן נישט געשטאַנען די קאַזאַרמעס, וואו די סאָלדאַטן היטן אָפּ טאָג און נאַכט דעם שלום, וואָלטן די אומפאַרמעגלעכע זיך ארומגעוואָרפן אַף אַלץ וואָס דו זעסט דאָ, און וואָלטן דאָס אַלץ פאַרכאַפּט. אפילו, אַז מיר זײַנען דאָ, טרעפט אויך נישט זעלטן, אַז זיי ווערן געטריבן פון הונגער, פון תאווה, אָדער קנאה און באַגייען ערנסטע גוואַלדטאַטן.

—נאָר, איז דען נישט אַלץ אַלעמענס?

—ניין.

— און אַזוי פיל זײַנען זיי, די וואָס באַזיצן גאָרנישט?

— די מערהייט.

— אַזוי, אַז מײַן גאַנצע ארבעט ווערט אויסגענוצט פון אייניקע געציילטע? — רופט פּראַגרעס אויס פאַרצווייפלט.

דער אָרדנונגסהיטער לאָזט אים איבער און נעמט זיך יאָגן נאָך איינעם אַ שלעפּער, וואָס אַנטלויפט פון אַ גאַסטהויז, וואו ער האָט געזעטיקט זײַן הונגער, נישט האָבנדיק מיט וואָס צו באַצאָלן פאַרן עסן.

און פּראָגרעס אַנטלויפט אויך, אין דער קעגנזעצלעכער ריכטונג, און פאַרוואַנדלט אין אַ ווינט־שטורעם, שנײַדט ער אַדורך מיט איין קלאַפּ אַ האַלבן ערדקײַלעך.

רודף לענדער און פעלדער, מדבריות און ימים, איז ער געפלויגן.

דאָ זעט ער דעם גאַלגאַן, דאָרטן די תליה, דאָרט ווײַטער — צוויי אַרמייען וואָס צובראָקן זיך אַף שטיקער; שיפן, וואָס שטורעמען זיך; קרעפטן, דורך אים אײַנגעצוימטע, וואָס שטייען צו דינסט דער פאַרניכטונג און דעם טויט; מערק פון שקלאַפן, ווילדע שבטים, באַצוואונגענע פעלקער.

אַ פאַרשעמטער, קערט ער זיך אום אין זײַן גרויסער לאַבאָ־

ראטאָריע, און אויסער זיך פון צאָרן, צעפּיצלט ער אַלץ, וואָס דאָרטן געפינט זיך.

* * *

עס קומט אָן די נאַכט, און פּ ר אַ נ ר ע ס האָט זיך צעוויינט.

דער באַוועגונגס־ווירבל מאַכט אים משוגע. און עס פאַלט אים איין, אז די וועלט בלייבט אהינטער, ווייט אהינטער, ביז זי פאַרשווינדט פונם אויג.

און א פאַרצווייפלטער רופט ער אויסעט:

— אַך, דער ווייטסטער וועג איז דער, וואָס פירט אין מענטשנס האַרץ אריין.



א טוגנט?

זאָג, אז דו ביסט די זעלבסטזוכט אין א מאַסקע פאַרקליידט.

— ס׳ברענט מיך דער דורשט, מיין וועג איז געווען לאַנג, די זון־שטראַלן בריען. גיב מיר צו טרינקען.

— זיי מוחל, ברודער, כ׳קאָן דיר גאָרנישט געבן.

— כ׳זע פונדאַנען, דורך דיין קעלער־טיר, פול די פעסער מיט רייכן וויינטרויבן־זאַפט.

— אמת, פול זיינען די פעסער אין דעם וויינקעלער מיינעם; נאָר כ׳וואָלט געזינדיקט קעגן א טוגנט, ווען איך זאָל אויסליידיקן זיי צוליב אזעלכע ווי דו, וואָס נויטיקן זיך אין דעם, וואָס זיי אַנטהאַלטן.

* * *

— ס׳פאַרצערט מיך דער הונגער: מיין וועג איז געווען לאַנג. כ׳וועל דיין פרייגיביקייט נישט קאָנען באַצאָלן, דאָך גיב מיר צו עסן.

— זיי מוחל, ברודער, כ׳קאָן דיר גאָרנישט געבן.

— כ׳זע פונדאַנען, דורך דיין שפּייכלער־טיר, אלע פאָליצעס פול מיט ברויט.

— אמת, פול איז מיין שפּייכלער: נאָר כ׳וואָלט געזינדיקט קעגן א טוגנט, ווען איך זאָל אויסליידיקן אים פאַר אזעלכע ווי דו, וואָס נויטיקן זיך אין דעם, וואָס ער אַנטהאַלט.

* * *

— די נויט דערדריקט מיך. איך פאַרמאָג נישט קיין זאַך. כ'וויל לעבן. גיב מיר א חלק פון די רייכטימער דיינע.

— זיי מוחל, ברודער, כ'קאָן דיר גאָרנישט געבן.

— כ'זע פונדאַנען דיין שאַצקאַמער געעפנט, און בערג מיט גאָלד אינעווייניק דאָרט.

—אמת, פול איז מיין שאַצקאַמער: נאָר כ'וואָלט געזינדיקט קעגן א טוגנט, ווען איך זאָל אויסליידיקן זי פאַר אַזעלכע ווי דו, וואָס נויטיקן זיך אין דעם, וואָס זי אַנטהאַלט.

— ווער ביסטו דאָס, וואס איך טרעף דיך אומעטום, און מיט א האַרץ פון שטיין, זאָגסטו מיר אָפּ אין אַלץ?

— כ'בין פון שפּאָרזאַמקייט די טוגנט.

— זאָג, אַז דו ביסט די זעלבסטזוכט אין א מאַסקע פאַרקליידט.



פּריצים, דאָקטוירים און דאָרפסלייט

מיר ווילן פריער מאַכן א פּרואוו און זען, ווי אזוי גראָבן עס די ערד די פירשטן און געלערנטע, און די פּרינצן — ווי מאָלן זיי דאָס מעל פאַר אונדזער ברויט.

אַף צו פייערן דעם ארייַנטריט פון א נייעם יאָרהונדערט, האָט זיך דעם קיניג פארגלוסט פּראַווען א גרויסאַרטיקן מאָלצייט. ער האָט געהייסן באַשטעלן כלי־זמר, וואָס זאָלן שפּילן די שענסטע טענץ, אויסצירן די סאַלאָנען פון זיין פּאַלאַץ מיט דער גרעסטער פּראַכט, און צוגרייטן אין א גרויסן עס־זאַל א רייכע סעודה פון די טייערסטע מאכלים.

— מיין ווילן איז — האָט ער פאַרזאָגט די דינער זיינע, אַז ווי ווייט מעגלעך, זאָלן פונם מאָלצייט געניסן וואָס מערער מענטשן. איר זאָלט, אַלזאָ, דערלויבן ארייַנצוקומען אין פּאַלאַץ נישט בלויז מיינע אדל־לייט, נאָר אויך אַלע דאָקטוירים, געלערנטע און אַנדערע נוצלעכע לייט פון מיין קיניגרייך.

אויסגעפּוצט אין זייערע שענסטע קליידער זיינען געקומען די פּאָרנעמסטע לייט פון לאַנד, אין באַגלייטונג פון זייערע פרויען: פּרינצן, פירשטן, מאַרקיזן און באַראָנען, דיפּלאָמירטע אין אַלע ווויסנשאַפטן, פּראָפעסאָרן פון אַלע פאַקולטעטן און הויכע באַאַמטע פון אַלע מלוכה־ביוראָען.

א שמחה — עס בלענדט אַן אויג! דער שיין פון טויזנט לאָמפּן

האָט ארויסגעפינקלט פון די ברילִיאַנטן און דימענטן אין די פריזורן פון א סאַך שיינע פרויען, און ארויסגעצויגן א פילקאָלירנדיקן שימער פון זיידנס און שפּיצן. צאַרטע האַרמאָנישע קלאַנגען האָבן אָנגעפילט די לופט.

* * *

א פּאַסטוך, א פּויער און א מילנער זיינען פאַרבייגעגאַנגען נאָענט פון פּאַלאַץ, און הערנדיק שפּילן מוזיק, האָבן זיי באַשלאָסן אויך א הוליע טאָן א ביסל.

זיי זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן אין זייערע בעסטע בגדים, ווייל ס'איז געווען זונטיק: אָבער נישט געקוקט אף דעם, האָבן זיי די דינער פאַרהאַלטן, שוין באַם אריינגאַנג אין גרויסן סאַלאָן.

— מיר קאָנען אייך נישט לאָזן אריינגיין — האָבן זיי געזאָגט.

— און ווער זיינען דאָס יענע, וואָס געפינען זיך אינעווייניק? — האָבן די דאָרפסלייט געפרעגט.

— זיי זיינען אדל-לייט, געלערנטע און גרויסע מענטשן, וואָס ברייגען נוצן דעם לאַנד.

— ווער קען עס מער נוצלעך זיין פון אונדז? האָבן די דריי חברים אויסגערופן.

— איר וועט אָבער נישט אריינגיין.

— מיר ווען יאָ אריינגיין.

און זיי האָבן אופגעהויבן אזא גוואַלד און אזא טומל, אז דער קיניג אליין איז ארויסגעקומען זען וואָס דאָרט קומט פאָר; און אז מען האָט זיי צוגעפירט צו אים, האָט ער זיך אָנגערופן:

— ווי אזוי וואַגט איר מיט אזא הלבשה צו ווען אנטיילנעמען אין דעם יום-טוב?

— האַר, מיר האָבן קיין אנדערע נישט. און וואָלטן מיר דען

געווען נישט דאָס וואָס מיר זיינען, ווען מיר זאָלן זיין אַנדערש גע־קליידט? — האָט דער מילנער געוואָגט צו ענטפערן.

ווילט איר זיך אפשר פאַרגלייכן מיט אַט די לייט, וואָס זיי־נען דאָ בײַ מיר פאַרזאַמלט? — האָט דער קיניג אויסגעשריִען.

— און פאַרוואָס נישט? — האָט דער פויער געזאָגט.

— איר זעט אויס צו זיין גרויסע עזות־פּנימער. ווער זיך צווישן אַזוי פיל מענטשן — האָט אויסגערופן דער קיניג, זיך ווענדנ־דיק צו זיינע געסט — נישט געפינען איינער, וואָס זאָל איבערצייגן אָט די שוטים, אַז דאָ איז נישט זייער פּלאַץ?

איינער פון די פּרינצן איז אַרויסגעטראָטן פאָרויס, און האָט זיך אָנגערופן צו די דאָרפסלייט:

— מיר זיינען אַדל־לייט.

— און פאַרוואָס זיינט איר עס? — האָט געפרעגט דער פּאַס־טוך.

— ווייל אַזעלכע זיינען מיר געבוירן. אונדזער אַדלשאַפט איז די באַלוינונג, וואָס אימיצער פון אונדזערע אורעלטערן האָט בא־קומען פון די הערשער, פאַר זיינע פאַרדינסטן אָדער העלדישקייטן.

— מער פאַרדינסטן פאַרן לאַנד ווי אונדזערע זיידעס האָבן אייערע נישט געקאָנט האָבן — האָט זיך אָנגערופן דער פויער. — אַלע ערדאַרבעטער געווען. און, וואָס שייך העלדישקייטן, זיינען זיי אַלע געווען סאָלדאַטן און מען האָט קיינעם פון זיי נישט דער־שאָסן פאַר פּחדנות; זיי האָבן געלעבט אַ סאַך יאָרן, און יעדער פון זיי האָט אָפּגעאַרבעט ווייניקסטנס אַ האַלבן יאָר הונדערט, אָן קיין אַנדער באַלוינונג, ווי נאָר דאָס שטיקל ברויט, אַ טאָג איבערצוקו־מען.

דעם פויערס ענטפער האָט דעם פּרינץ נישט געשמעקט, און ער האָט אָפּגעטראָטן זיין פּלאַץ פאַר איינעם אַ באַרימטן דאָקטאָר, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט אָט די ווערטער:

— „נאָסצע טע איפּסום“. ווייס דיין פּלאַץ. מיר זיינען דאָק־טוירים.

— און פאַרוואָס זיינט איר דאָקטוירים? — האָט דער פּאָס־טוך זיך אָנגערופן.

— „לאַבאָר אימפּראָבוס אָמניאַ ווינציט“. אַלץ באַזיגט די גע־דולדיקע אַרבעט. מיר האָבן אַ סאַך שטודירט. אונדזערע עלטערן האָבן אויסגעבראַכט אוצרות מיט גאָלד אויף אונדזער בילדונג.

— אַ סימן, אַז זיי האָבן דאָס גאָלד פאַרמאָגט — האָט זיך אָנגערופן דער מילנער. — אונדזערע עלטערן זיינען אפילו נישט אימשטאַנד געווען אונדז אויסצולערנען לייענען. איז אייער גורל צו זיין דאָקטוירים און אונדזערער, פּשוטע אַרבעטסמענטשן.

— „נאָן אָמניאַ פּאָסומוס אָמוס“. ניט אַלע קענען מיר אַלץ. עס איז פאַראַן אַ געזעץ, וואָס רופט זיך געזעץ פון אַרבעטסצוטיי־לונג...

— וואָס באַשטייט אין דעם — האָט אונטערגעכאַפּט דער פּוי־ער — אַז איך זאָל זייען און דו זאָלסט פרעסן דאָס פּאַרטיקע. ווער האָט דיך געבעטן זאָלסט זיין אַ דאָקטער? דו האָסט דאָך געקאָנט אויסקלייבן וואָס דו ווילסט, נישט אַזוי ווי מיר.

— „סטולטאָרום נומערום עסטאַ אינפיניטום“. די צאָל נאַראָ־נים האָט נישט קיין גרעניץ — איז דער וויסנשאַפטסמאַן אריין אין כעס.

— דאָס איז טאַקע אַ גרויסער חידוש — האָט אַרויסגערעדט דער פּויער — און האָבנדיק אַזויפיל אדל־לייט, ווי דו. אויף וואָס־זשע טויגט איר, אויב איר מאַכט אונדז נישט פאַר אויס נאַראָנים? איר שאַפט די נאַראָנים, און נאָכדעם טרייבט איר זיי פון זיך, ווייל זיי זיינען עס.

— „טאַרדע וועניענטיבוס אָססאַ“. די וואָס קומען צולעצט קריגן נאָר די ביינער — האָט אויסגעשריען דער דאָקטער , און האָט

זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו די דאָרפסלייט.

און אַן ווייטערדיקע דערקלערונגען, האָט מען זיי אַלע דריי אַרויסגעיאָגט.

* * *

— „אַרא פּרא נאָבים: איך קען נישט קיין לאַטיין, — האָט אַרויסגייענדיק אויסגערופן דער מילנער:—אָבער איך געדיינק, דער גלח פלעגט אַמאָל זאָגן: „מעמענטאָ קיאַ פּולווים עס"... וואָס דאָס וויל זאָגן, אַז מיר זיינען נישט מער ווי שטויב. זיי, וואָס האָבן אונדז פון דאָרט אַרויסגעיאָגט, זיינען אויך נישט מער ווי שטויב, אַזוי ווי מיר, מיר מוזן זיך נוקם זיין דערפאַר. דו זע נאָר, אַז די פּאַסטוכער זאָלן באַלד פון מאָרגן פאַרלאָזן די סטאַדעס, — האָט ער געזאָגט צום פּאַסטוך, — און דו, אַז די פּויערים פון דער סביבה זאָלן מער נישט אַקערן דאָס פעלד, נישט זאַמלען און נישט אָפּהיטן די פּירות; אַז די מילנער זאָלן נישט מאָלן — דאָס נעם איך אויף זיך.

אונדזער מויל איז נישט זייער דעליקאַט, און מיר וועלן שווין ווי עס איז דורכקומען. מיר וועלן נישט גיין צוריק צו דער אַרבעט, וואו זיי וועלן אונדז נישט געבן דעם אייגענעם לוין, וואָס זיי פאַרדינען מיט זייער נאָבלקייט און מיט זייער לאַטיין.

* * *

און אין עטלעכע טעג אַרום האָט דאָס פּי געגנומען פאַלן פון הונגער, און די בעקערס האָבן נישט געהאַט קיין מעל אויף באַקן ברויט: און אין שטאָט איז קיין הייפּטל קרויט נישט אַריינגעקומען.

דערוויסנדיק זיך די סיבה פון דעם, האָבן די אדל-לייט און דאָקטוירים אויסגעזוכט דעם פּאַסטוך, דעם פּויער און דעם מילנער, און מיט טרערן אין די אויגן באַ זיי זיך געבעטן:

— קערט זיך אום, קערט זיך אום צוריק צו דער ארבעט, ווייל ס'איז אוממעגלעך פאר אונדז דאָס לעבן אָן אייך, מענטשן נוצלעכע, ברידער ליבינקע!

און יענע האָבן געענטפערט:

— מיר וועלן נישט צוריקגיין צו דער ארבעט, איידער מיר וועלן נישט זען ווי אזוי עס גראָבן ערד די פירשטן און דאָקטוירים, און די פרינצן — ווי מאָלן זיי דאָס מעל פאר אונדז אויף ברויט.

גאַוטשאָס

אַ בוך פון 200 זייטן

25 אויסגעוויילטע דערציילונגען. — מייסטערהאַפטע שיל־דערונגען פונם גאַוטש־לעבן, פון דעם גרויסן אורוגוואַיער קינסטלער כאַוויער דע וויאַנאַ, איבערזעצט אין אידיש און ארויסגעגעבן פון י. אַקסענצאָוו.

מיט „גאַוטשאָס" איז געמאַכט געוואָרן די ערשטע באַרירונג מיט אַ פולשטענדיק נייער, פאַרביקער און אייגנ־ארטיק־אינטערעסאַנטער סביבה.

„גאַוטשאָס" איז די ערשטע איבערזעצונג פון דער דרום־אַמעריקאַנער ליטעראַטור.

.·. וויכטיק איז, וואָס די פאַראידישונג פון אַ שפּאַנישן שרייבער איז נישט קיין צופאַל און נישט קיין קאַפּריז, נאָר אַ רעזולטאַט פון דער שפּאַניש־אידישער שכנהשאַפט אין אַרגענטינע.

געווינטלעך פירן איבערזעצונגען צו אַ דערנענטערונג צווישן פעל־קער. בײַ אונדז קומט פריער די באַקאַנטשאַפט מיט אַן אַנדער פאָלק — און דערנאָך ערשט די שפּראַכלעכע און ליטעראַרישע דערנענטערונג. דאָס איז אַ מער זיכערער וועג!

ש. ניגער „דער טאָג"

יולי, 19 1925

... די טיפּן זיינען אָרעמע האָרעפּאַשניקעס, באַסיאַקעס, בכלל די, וואָס „ליגן אַפן דעק", דערפאַר גילט דע וויאַנאַ אַלס דער שפּאַנישער „גאָרקי", זיינע זאַכן אָטעמען מיט אַ באַזונדערער ליבע צו אָרעמע מאַסן און מיט אַ האַס צו זייערע פאַרשקלאַפער און פאַרדאַרבער...

„פרייהייט", ניו יאָרק

מאַי 1925,30.

... די דערציילונגען שילדערן אַף אַ מייסטערהאַפטן אופן די כוואַטסקע, בראַווע און האַלב ווילדע גאַוטשאַס, זייערע מנהגים און ספּעציפישן אַרט לעבן אונטערן ברענענדיקן הימל פון די אַרגענטינער סטעפּעס, זייערע ליבעס מיט די פולבלוטיקע און זון־פאַרברענטע „טשינאַס" א. אז. וו.

די איבערזעצונג איז זייער לעבעדיק, אַזוי, אַז דער בוך לייענט זיך מיט אינטערעס און לאָזט איבער אַ גוטן איינדרוק...

ב. שקלאַווסקי — „דער פאַמיליען פריינט",

לאַנדאַן, יוני 26, 1925.

...אכוץ דעם וואָס ס'איז וויכטיק, ווי דער איבערזעצער זאָגט, אַז די סביבה, אין וועלכער עס לעבן טויזנטער אידישע משפחות זאָל זיין באַקאַנט, איז עס איבערהויפּט וויכטיק אריינצוברענגען אין דער ליטעראַטור, אין דער אידישער, ווי פון אַלע אַנדערע שפּראַכן, אַלע פאַרבן און טענער, אַלע שאַטירונגען פון כאַראַקטער, פון דערציאונג, פון לעבנסשטייגער פון די מענטשן וואָס געפינען זיך ערגעץ וואו און צו וועלכע מיר קענען צוקומען...

פון דער זייט געקוקט, מוז מען צוגעבן, אַז דער אויסוואַל פונם איבערזעצער איז זייער אַ געלונגענער. כאַוויער דע וויאַנא האָט זיך געשטעלט אַלס זיין באַרוף צו פאַרייביקן דעם גאַוטש, דעם גרונדטיפּ פון אַרגענטינע און אורוגוואַי און פון די נאָנטע בראַזיליענער פּראָווינצן. כאַוויער דע וויאַנאַ שוינט נישט קיין פאַרב, און זיינע גאַוטשן און גאַאוטש־פרויען קומען דעריבער ארוים בולט...

און איצט עטוואָס וועגן דער איבערזעצונג. די שפּראַד פון די גאַוטשאָס איז אַ גאַנץ אייגנאַרטיקע: דאָס איז דער רייכער קאַסטעליאַנאָ, דער אויסגעאיידעלטער ראַפינירטער שפּאַניש, וועלכער איז פאַרזייט געוואָרן אַף אַ נייעם באָדן און האָט אינם מויל פון די גאַוטשאָס, די שפּאַניש־אינדישע מישלינגען, באַקומען אַ באַזונדערן געבוי און נייע

פרימיטיווע אויסדרוקן, וואס זיינען ענג פארבונדן מיט זייער כאראק־טער. אט די כאראקטעריסטישע שפראך מיט אירע פארשידענע פרי־מיטיוון לאזט זיך ניט אזוי לייכט איבערזעצן. פארן איבערזעצער שטייט דאן דאס פראבלעם: זיין געטריי צום טעקסט און דאן — אום־פארשטענדלעך, אדער זינדיקן קעגן דעם קארעקטן אויסדרוק און זיין נענטער צום כאראקטער. אכוץ דעם שלאגט זיך אן דער איבערזעצער אין דער גראנדילאקוענץ פון דעם שרייבערס קאסטעליאנא און אין דעם טיפיש לאקאנישן אויסדרוק פונם גאוטש.

ארויסצוקומען בשלום פון אזא שטערונג איז א שווער שטיקל אר־בעט. דאך איז י. אקסענצאוו אין די מערסטע פאלן ארוים בשלום.

פ. כ. — „די פרעסע“

אפריל 26, 1925

... זיינען כאוויער דע וויאנאס פארשוינען חיות, אדער ווילדע מענטשן? דער מחבר באשרייבט זיי אין גרעסטן טייל מיט ליבע און סימ־פאטיע. ער רעקאמענדירט זיי ניט אלס קיין העלדן, ווי דאס טוט גאר־קי מיט זיינע פארשוינען... זיי געפעלן אים אבער און אפילו אונדז, איירעפעער, געפעלן זיי אויך דידאזיקע גאוטשאס מיט זייערע פרימי־טיווע און אופריכטיקע נשמות...

...אויב מיר האבן קיין טעות נישט, איז עס אין אידיש די ערשטע איבערזעצונג פון דער דרום־אמעריקאנער ליטעראטור...

י. ב. — „דרום אמעריקע“.

ב. איירעס, יאנוואר 1926.

...די יעניקע וואס זיינען א ביסל באקאנט מיט די אמתע שוועריג־קייטן פון ריכטיק איבערזעצן און איבערהויפט נאך אזא בילדלעכע שפראך ווי די פון דע וויאנא, וועלן ווי געהעריק אפשאצן די אין אל־געמיין געלונגענע ארבעט פון הער י. אקסענצאוו. ער האט זיכער נישט

גענומען אַף זיך קיין לייכט שטיקל אַרבט.

די אידישע ליטעראַטור איז באַרייכערט געוואָרן מיט אַ וויכטיקער שאַפונג און דער אידישער לעזער וועט זיך באַקענען מיט אַ נייעם ווינקל פון לעבן, מיט אַ נייעם אמביענט און נייע טיפּן.

די אַרבעט פון העד אַקסענצאָוו איז ווערט באַגריסט צו ווערן.

ים — „די פּען", יולי 1925.

GAUCHOS — El Sr' J. Axentzoff acaba de publicar, traducidos al idisch, 25 cuentos escogidos entre la abundante serie de narraciones camperas, que tan netamente han delineado la personalidad del escritor uruguayo D. Javier de Viana.

Entre los cuentos traducidos figuran algunos de los más característicos que ha escrito Viana, cuyo cariño por las tradiciones criollas y cuya eficacia descriptiva son conocidos por la gran mayoria de los lectores de revistas.

Nos parece que el traductor ha hecho una obra de cierta utilidad para los judios que vienen a incorporarse al país, por cuanto dedicándose preferentemente éstos a tareas urbanas, podrán darse cuenta con la lectura de "Gauchos" de las peculiaridades de la vida campera y de ciertas características que poseía y en parte posee aún nuestra gente del campo.

"LA NACION"
7 de Mayo de 1925

... לייענענדיק דעם בוך האָב איך זייער אָפּט פאַרגעסן, אַז איך לייען אַן איבערזעצונג: אַזוי זאַפטיק, רייך אין אויסדרוק זיינען דידאַזיקע גאַוטשאָס אין אידיש...

ל. מאָס — מעדאַנאָס, 26-8-925

... איך דאַנק אייך זייער פאַר אייערע גאַוטשאָס און באַגריס אייך

מיט אייער שיינעם קרעפטיקן אידיש.

מרדכי אלפערסאָן.

... איבערגיסנדיק כּאָוויער דע וויאַנאַן אין אידיש, האָט איר דעם אידישן לייענער צוגעפירט דירעקט צום קוואַל פונם אינטערעסאַנטן אַרגענטינער גאַוטש־לעבן, דאָס איז אַ זייער וויכטיקער אופטו.

נ. קריטשמאַר — טשאַראַטאַ.

(טשאַקאַ) אויגוסט 19, 1925.

... דעם אמת זאָגנדיק, אָן קאָמפּלימענטן, מאַכט דער בוך דעם בעסטן איינדרוק: שיין געדרוקט, אַ שיינער פאָרמאַט און די איבערזעצונג — איז פאָרטרעפלעך!...

ברוך בענדערסקי.

דאָמינגעז, יולי 16, 1925.

דער אינהאַלט פון „גאַוטשאָס“:

1) פּרימיטיווא; 2) די חורבה פון דער קראָ; 3) קאַפּריזן פון רום; 4) טערו־טעראָ; 5) דער צוימער; 6) די באָבעצע; 7) ס'איז אַלץ איינס; 8) גיב מיר צייט, ברודער!; 9) אָן אויסערגעוויינלעכער קרינגס־געריכט; 10) דעם טינערס טאָכטער; 11) דער קאָמיסאַר פון טוקוטוקאָ; 12) די ערד איז קליין; 13) פאוסטינאָס מערדער; 14) געהאַלטן וואָרט; 15) די סוכאַט־ניצע; 16) אָן אַלפּאַרגאַט; 17) אַ שמועס; 18) כּדי צו דער־וויזן; 19) ס'איז מיר אָוועק די האַנט!; 20) אין טשאַקאָ; 21) דער אַפּזאָג; 22) שווייַנעריי; 23) צוליבן קינד; 24) דער וואָלף!... דער וואָלף!...; 25) מאַלאַקיאַס דער נאַר.

פּרייז פאַרן איינצל־פאַרקויף 3 פּעזעס.

בוכהענדלער באַקומען אַ גרויסן ראַבאַט

מיט באַשטעלונגען, פּערזענלעך אָדער שריפטלעך:

J. AXENTZOFF, CASTELLI 360, Bs. AIRES

„די פרעסע"

אומפּאַרטייאישע טעגלעכע פרימאָרגן־צייטונג

געגרינדעט דעם 1־טן יאַנואַר 1918.

דערשיינט זיבן מאָל אין וואָך

„ד י פ ר ע ס ע" איז די מאָדערנסטע און פאַרשפּרייטסטע אי־דישע טעגלעכע צייטונג אין גאַנץ זיד־אַמעריקע.

די רעדאַקציע פון „ד י פ ר ע ס ע" און איר שטאַב גאַענטע מיטאַרבעטער זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון די בעסטע און פעאיקסטע אידישע ליטעראַרישע און זשורנאַליסטישע כחות, וואָס אַרגענטינע פאַר־מאָגט.

„ד י פ ר ע ס ע" איז די איינציקע אידישע טעגלעכע צייטונג אין אַרגענטינע, וואָס באַציט זיך מיט פולן ערנסט צו אַלע קולטורעל־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון אינלאַנד און אויסלאַנד, און ווערט דאַרום געלייענט פון אַלע קלאַסן און שיכטן אָן שום אונטערשיד.

„ד י פ ר ע ס ע" ווערט געדרוקט אין איר אייגענער גרויסער דרוקעריי מיט דער מאָדערנסטער לינאָטיפּיע און סטערעאָטיפּיע און אַ גרויסער ר אָ ט אַ צ י אָ נ ס ד ר ו ק ־ מ אַ ש י ן „האָע", וואָס נעמט אַריין צ ו וואַ נ צ י ק גרויסע זייטן מיט איין מאָל און דרוקט 20.000 עקזעמפּלאַרן אין אַ שעה.

DI PRESSE

Diario Israelita de la mañana

352 - CASTELLI - 360 **BUENOS AIRES**

U. T. (47) Cuyo 5579 y 5583